UCLA
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

## Title
Kheshbn No. 10 - May 1957 - Journal

**Permalink**
https://escholarship.org/uc/item/59v7h7wb

**Journal**
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 10(1)

**Publication Date**
1957

**Copyright Information**
Copyright 1957 by the author(s). All rights reserved unless otherwise indicated. Contact the author(s) for any necessary permissions. Learn more at https://escholarship.org/terms

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

# חשבון

פערטל־יאָר שריפט פאַר

## ליטעראַטור, קריטיק און קולטור־פּראָבלעמען

**צענטער 10 נומער**

רעדאקטאָר — י. פרידלאַנד



ארויסגעגעבן פון

לאָס אַנגעלעסער יידישער קולטור קלוב

און

שרייבער קרייז „בוך און לעבן"

ניסן, תשי"ז — מאַי, 1957

לאָס אַנגעלעס, קאַליפאָרניע

# אינהאַלט:


| | |
|---|---|
| ה. רויזענבלאַט — „נאַקטורנע" (ליד) | 3 |
| רחל ק. קאָרן — „אין ווייפל טרערן" (ליד) | 4 |
| וו. נאַטאַנסאָן — „שיר השירים, דאָס געזאַנג פון ליבע" | 5 |
| בעריש וויינשטיין — „אפשר" (ליד) | 10 |
| י. פרידלאַנד — „אויף אייגענער ערד" (דערציילונג) | 11 |
| סאָלאָמאָן קאַהאַן — „קאַליפאָרניע אין ,חשבון'" (רעצענזיע) | 19 |
| מלכה ח. טוזמאַן — „צו י.ג." (ליד) | 22 |
| נח גאָלדבערג — „יעקב גלאַטשטיין און זיין ,יאָש'" (אָפּהאַנדלונג | 23 |
| אסתר שומיאַטשער־הירשביין „אַ פאַרנאַכט אין מדבר" (ליד) | 30 |
| ד"ר ח. מ. ראָטבלאַט — „דער אייביקער קאַמף" (עסיי) | 31 |
| פּינטשע בערמאַן — „ווער קען הערן די געוויינען" (ליד) | 36 |
| ז. בונין — „און אפשר נאָך העכער" (ליד) | 37 |
| יעקב זינגער — „יורשים" (איינאַקטער) | 38 |
| יצחק ניומאַן — „פיר אַפּאָקריפן" (עסיי) | 46 |
| א. באַביטש — „יעקב גלאַטשטיינס יובל־אָוונטן" | 49 |
| אַן אָפענער בריוו צום יידיש־יידישן סעקטאָר אין לאָס אַנגעלעס | 51 |
| ליטעראַטור און קולטור כראָניק | 52 |



## "CHESHBON"

(REVIEW OF LITERARY AND CULTURAL ACTIVITIES)

רעדאַקציע־ראַט: וויליאַם נאַטאַנסאָן און נח גאָלדבערג

מיט רעדאַקציאָנעלע ענינים זיך ווענדן צו:

I. FRIEDLAND

4375 SUNSET DRIVE — LOS ANGELES 27, CALIFORNIA

ה. רויזענבלאַט

# נ א ק ט ו ר נ ע

וואָס איז שוין די לבנה נישט געווען
הינטערן כישוף פון דעם טראָפּן טינט,
וואָס ציטערט אויף די ליפּן פון מיין פען? —

אַ סערף.
אַ יעגער־האָרן.
אַ פאַרצעלייען טעלערל.
אַ שיפעלע אויף די וועלן פון דער נאַכט.
אַ פּנים פון אַ הייליקער מאָנאַשקע, אין געבעט.
אַ קרומע מאַסקע פון אַ טראַגישן קלאַון, וואָס לאַכט.
אַ מידע וואָגלערקע.
אַ קילע אָזערע.
אַ ווייסע וואַסער־רויז.
אַ סאָווע הינטערן קוימען פון אַ פוסטן הויז.

נאָר היינט — די ערשטע נאַכט אין חודש אייר —
בעת איך ליג מיט אויגן אָפענע
אויף מיין געלעגער און איך טראַכט —
פון דיר, פון מיר און פון דער וויסטער ערד, —
אַנטפּלעקט זי זיך פאַר מיינע אויגן און איך זע — אַ שווערד.

וואָס איז די נאַכט שוין ניט געווען —
הינטערן כישוף פון דעם טראָפּן טינט,
וואָס ציטערט אויף די ליפּן פון מיין פען? —

דאָס בלויע לאַנד פון בענקעניש.
דאָס אומעטיקע האַרץ, וואָס איז פאַרליבט.
דער שטילער טרויער פון גדענקעניש.
דאָס איינזאַמע געצעלט
פון בעל־חלומות׳ניק,
וואָס איז אַנטלאָפן פון דער וועלט;

דער וואַלד פֿון ווייסע שטערן, וועלכער ציט
און נאַרט אַריין דעם בלויען רייטער, וועלכער זוכט
דעם ווייטן מילך וועג, און געפֿינט אים ניט.

וואָס איז די נאַכט שוין ניט געווען? —

נאָר היינט איז זי, מיין נאַכט, —
דער פֿיבערדיקער אויער, וואָס פֿאַרנעמט און הערט,
ווי הבלם בלוט — ערשט פֿריש פֿאַרגאָסן — שרייט
צום הימל פֿון דער ערד.

---

רחל ק. קאָרן

# אין וויפֿל טרערן

אין וויפֿל טרערן דאַרף איך אויסוואַשן די אויגן,
אַז כ׳זאָל דערזען מיין מאַמעס אויסגעשטרעקטע הענט
און איר פּנים איינגערעמט אין בלאָנדע, שווערע צעפּ
מיט אַ שמייכל שטילן אין מיין זייט געווענדט?

מיט וויפֿל לייד און ווי דאַרף איך נאָך שיכור ווערן,
מיט וויפֿל קנייטשן נאָך צעאַקערן דאָס פּנים,
אַז כ׳זאָל זיך אומקערן כאָטש איין מאָל אויף אַ רגע
צו דעם הויף מיט טויבן און דעם אַלטן ברונעם?

דעם ברונעם גרין באַוואַקסן מיט אַ באָרד פֿון מאָך,
וואו ס׳האָט ליב צו שטיין מיין מאַמע מיט פֿאַרטראַכטע אויגן
און קוקן, ווי סע שווימט דאָס ווייסע וואָלקן-שיפֿל,
איבער וועלכן ס׳האָט די זון אַ גילדענע נעץ פֿאַרצויגן.

נאָר אָט מאַרישקע דרייט שוין מיט דער קאָרבע
און לאָזט דעם עמער טיף אַראָפּ אין וואַסער,
זי דערטרענקט דאָס קליינע, ווייסע וואָלקן-שיפֿל
און מיין מאַמעס פּנים ווערט אַלץ בלאַס און בלאַסער.

דער וואַלד פון ווייסע שטערן, וועלכער ציט
און נאַרט אַריין דעם בלויען רייטער, וועלכער זוכט
דעם ווייטן מילך וועג, און געפינט אים ניט.

וואָס איז די נאַכט שוין ניט געווען? —

נאָר היינט איז זי, מיין נאַכט, —
דער פיבערדיקער אויער, וואָס פאַרנעמט און הערט,
ווי הבלם בלוט — ערשט פריש פאַרגאָסן — שרייט
צום הימל פון דער ערד.

---

רחל ק. קאָרן

## אין וויפל טרערן

אין וויפל טרערן דאַרף איך אויסוואַשן די אויגן,
אַז כ׳זאָל דערזען מיין מאַמעס אויסגעשטרעקטע הענט
און איר פּנים איינגערעמט אין בלאָנדע, שווערע צעפּ
מיט אַ שמייכל שטילן אין מיין זייט געווענדט?

מיט וויפל לייד און ווי דאַרף איך נאָך שיכור ווערן,
מיט וויפל קנייטשן נאָך צעאַקערן דאָס פּנים,
אַז כ׳זאָל זיך אומקערן כאָטש איין מאָל אויף אַ רגע
צו דעם הויף מיט טויבן און דעם אַלטן ברונעם?

דעם ברונעם גרין באַוואַקסן מיט אַ באָרד פון מאָך,
וואו ס׳האָט ליב צו שטיין מיין מאַמע מיט פאַרטראַכטע אויגן
און קוקן, ווי סע שווימט דאָס ווייסע וואָלקן-שיפל,
איבער וועלכן ס׳האָט די זון אַ גילדענע נעץ פאַרצויגן.

נאָר אָט מאַרישקע דרייט שוין מיט דער קאָרבע
און לאָזט דעם עמער טיף אַראָפּ אין וואַסער,
זי דערטרענקט דאָס קליינע, ווייסע וואָלקן-שיפל
און מיין מאַמעס פּנים ווערט אַלץ בלאַס און בלאַסער.

**וו. נאַטאַנזאָן**

# שיר השירים
# דאָס געזאַנג פון ליבע

## א

פּאָעזיע, ווי קונסט בכלל, טראָגט אין זיך אַן אומדערשעפּלעכקייט פון געפילן און עמאָציעס. דאָס מיינט אויך אַן אומענדלעכקייט פון פאַרשיידנאַרטיקע געדאַנקען וואָס יעדע נייע אָנרעגונג קאָן גורם זיין אויף יעדן באַזונדערן מענטש אין פאַרלויף פון דורות און תקופות פון דעם לעבן פון דער מענטשהייט.

דערצו נאָך האָט די קונסט, אַ דאַנק איר פעאיקייט אַרויסצורופן געפילן און עמאָציעס,אַ קולטור־ווערט אומאָפּהענגיק פון אַלץ, וואָס קאָן באַצייכנט ווערן אַלס אַבסטראַקטע געדאַנקלעכקייט. די געפילן, וואָס ווערן דערוועקט פון קונסט, זיינען פון אַ שטאַרקערן קולטור־ווערט איידער די וואָס ווערן פאַראורזאַכט אויף אַן אוממיטלבאַרן אופן פון דער אויסנווייניקסטער וועלט אָדער פון אַלץ, וואָס מע רופט לעבן אין קעגנזאַץ צו ליטעראַטור. קונסט — די איבער־שאַפערין פון דעם רויען לעבן און די ספּיריטואַליזירערין פון דער נאַטור און פון דער וועלט — פאַרטיפט די מענטשלעכע נשמה נאָך מער ווי זי פאַרטיפט די וועלט און די נאַטור גופא.

די נשמה פון דעם מענטש ווערט אַ סך מער פאַרטיפט פון אַן אָנגעלאָדנקייט פון געפילן און עמאָציעס, וואָס קענען נישט אויסגעלאָדן ווערן, וואָס קענען נישט געזעטיקט און געשטילט ווערן, איידער פון אַזעלכע, וואָס קענען אויסגעלעבט און אויסגעפילט ווערן און קומען דורכדעם צו אַ רו־צושטאַנד. אָנגעלאָדנקייט און געשפּאַנטקייט פון געפילן רופן אַרויס אין דער נשמה אַ וועלט מיט קלאַנגען און פאַרבן, און שטימונגען פון אַלערליי ניואַנסן און שאַטירונגען, וואָס מאַכט די נשמה אינהאַלטרייכער, שענער און אינטערעסאַנטער. דער פאַרטיפונגס־כוח פון רעליגיע, מיסטיק, ליבע און פון צו מסירת־נפש־פירנדיקע אידעאַלן, ליגט אין דעם, וואָס זיי לאָזן די נשמה־גלוסטונגען דורכגענומען ווערן מיט אַן אומ־ענדלעכקייט, מיט אַן עפּעס, וואָס איז נישט צום דערקענען און נישט צום דער־גרונטעווען. דורך דעם שאַפן זיי די אילוזיע פון אייביקער אָנגעהאַלטנקייט און אומאונטערבראָכנקייט, פון אַן אייביקן ציען און געצויגן ווערן. זיי גיבן דעם געפיל פון אַן אייביקן שוועבן אין דער לופטן, פון אַן אייביקן געטראָגן ווערן אויף די פליגלען הין און צוריק פון טיפסטע טיפעניש צו העכסטע הויכן — פון אַן אייביקן זיין אין אַ וועלט פון נישט זיין.

מער נאָך פאַר רעליגיע, מיסטיק, ליבע און אַלערליי אידעאַלן, — קאָן עס טון די קונסט. זי קאָן עס טון דערפאַר, ווייל זי גיט דאָך אויסדרוק צו יעדן איינעם פון זיי און צו זיי אַלע אינאיינעם. די קונסט פילט אונדז אָן מיט אַלערליי נשמה־אָנרעגונגען, וועלכע מיר קענען איבערלעבן, אָבער נישט אויסלעבן. דורך דער גייסטיקער אָנגעלאָדנקייט שאַפט די קונסט אין אונדזער נשמה אַ קיינמאָל נישט געשטילטן דורשט, אַ קיינמאָל נישט דערגרייכטן קאָנטאַקט מיט די וואַסערן, וואָס שטראָמען פון קוואַלן, וועלכע זיינען פון יענער זייט פון אַלץ, וואָס איז פאַרפרוירנקייט און סטאַגנאַציע; פון יענער זייט פון אַלץ, וואָס איזווירקלעך,

וואָר און ממשותדיק, און וועקט נישט דעריבער קיינע שום חלומות און אילוזיעס, און רעגט נישט די פאַנטאַזיע.

ב

טויזנטער יאָרן נאָכדעם ווי עס איז שוין אַזויפיל געשריבן און געזונגען געוואָרן וועגן ליבע, וועט פון דעסטוועגן זעלטן וועלכער עס איז קולטורעלער מענטש נישט דורכגעגומען ווערן מיט אַ גייסטיקן ציטער, לייענענדיק די ווערטער:

טו מיר אַרויף אַ זיגל אויף מיין האַרצן,
ווי אַ זיגל אויף דיין אָרעם,
וואָרים שטאַרק ווי דער טויט איז די ליבשאַפט,
האַרט ווי דאָס קבר די אייפערזוכט.
אירע פלאַמען זיינען פלאַמען פייער,
אַ פלאַקער פון גאָט.
גרויסע וואַסערן קענען נישט פאַרלעשן די ליבשאַפט,
און טייכן וועלן זי נישט אַוועקפלייצן.

דער דאָזיקער גייסטיקער ציטער, וועלכער פאַרשענערט און פאַרטיפט די נשמה, נעמט זיך דערפון, וואָס דורך עטלעכע שורות האָט דער קינסטלער דאָ באַוויזן אַרויסצורופן צום לעבן און אויפשטורמען די נשמה מיט געפילן פון ליבע, וועלכע גיסן זיך צונויף און פלעכטן זיך אַריין אין די געפילן פון רעליגיע און מיסטיק. דער לייענער ווערט דורכדעם אַריינגעפירט אין די רעגיאָנען פון אומענדלעכקייט און העכערער רעאַלקייט און ממשותדיקייט. די ליבע ווערט אַריבערגעטראָגן פון מענטשלעכן בוזעם אין די געצעלטן פון גאָט. פון אַ זינ־דיקער בשר־ודמיקער ברענעניש ווערט אַ פלאַקער פון גאָט, וואָס קיינע וואַסערן קענען אים נישט פאַרלעשן און זיין מהות אַוועקפלייצן. דערמיט, וואָס מע דאַרף צום טויט אָנקומען פאַר אַ פאַרגלייך צו דער שטאַרקייט און אומפאַרמיידלעכקייט פון דער ליבע, ווערט די ליבע אַריבערגעטראָגן איבער די גרענעצן פון צייט און רוים און אַריינגעזעצט אין אַן אייביקייט, וואָס ווייסט נישט פון צייט און רוים.

ג

די מענטשלעכע נשמה, היינט אַזוי גוט ווי ווען עס איז פריער, ווערט אָנגע־פילט מיט גליקזעליקייט, מיט פריידיקער און פיינלעכער מיסטעריעזקייט, וואָס ליגט אין די פאָלגנדיקע שורות פון שיר השירים:

האָסט ס׳האַרץ מיר געפאַנגען,
שוועסטער מיין כלה,
האָסט ס׳האַרץ מיר געפאַנגען
מיט איינעם פון דיינע בליקן,
מיט איין שנור פון דיינע האַלדזבענדער.

ווי שיין איז דיין ליבשאַפט,
שוועסטער מיין כלה,
ווי בעסער דיין ליבשאַפט פון וויין,

און דער ריח פון דיינע איילן
פון אַלערליי בשמים!

האָניקזאַפּט טריפן דיינע ליפּן, מיין כלה,
האָניק און מילך איז אונטער דיין צונג,
און דער ריח פון דיינע קליידער,
ווי דער ריח פון לבנון.

אַ פאַרשלאָסענער גאָרטן,
איז מיין שוועסטער, מיין כלה,
אַ פאַרשלאָסענער ברונעם,
אַ פאַרחתמעטער קוואַל.

דער כישוף און דער רייץ, וואָס ליגט אויך איצט פאַר דעם מענטש פאַרבאַהאַלטן אין דער פאַרשלאָסנקייט פון גאָרטן, אין דער פאַרשלאָסנקייט פון ברונעם און אין דער פאַרחתמעטקייט פון קוואַל פון דער שוועסטער־כלה, זיינען עד־היום — נאָך אַלע עוואָלוציעס און רעוואָלוציעס פונם מענטשלעכן שכל און נאָך אַלע וויסנשאַפטלעכע טעאָריעס וועגן דער אַנטשטייאונג און אַנטוויקלונג פון מין מענטש — פאַרבליבן אַ מיסטעריע. זי פירט און טרייבט דעם מענטש צו זוכענישן און טראַכטענישן וועגן קוואַלן, וואָס פון זיי שלאָגט אַרויס אַלץ, וואָס זעט אויס קלאָר און אַלץ, וואָס איז נישט קלאָר, אַלץ, וואָס לאָזט זיך דערקלערן און אַלץ, וואָס לאָזט זיך נישט דערקלערן, אַלץ, וואָס שטילט און זעטיקט די לײדנשאַפטן און אַלץ, וואָס, ווי דער האָריזאָנט, פירט און פאַרפירט און דערפירט צו דער אומענדלעכקייט מיט אַלע אירע מיסטעריעס.

עס איז די מיסטעריע פון דער נשמה־זוכעניש, וואָס מאַכט, אַז די פאָלגנדיקע ווערטער, וואָס קומען אַרויס פון דער קינסטלערישער געשטאַלט שולמית, זאָלן אויף שטענדיק אָנפילן די מענטשלעכע נשמה מיט געלייטערטקייט און געהויבנקייט:

מיין געליבטער געהערט צו מיר
און איך געהער אים,
דעם, וואָס וואַנדערט צווישן די ליליען
. . . . . . . . . . . . . .
אויף מיין געלעגער ביינאַכט
האָב איך געזוכט דעם, וואָס מיין זעל האָט ליב,
איך האָב אים געזוכט
און האָב אים נישט געפונען.
לאָמיך אויפשטיין און אַרומגיין אין שטאָט
אין די מערק און אין די גאַסן,
לאָמיך זוכן דעם, וואָס מיין זעל האָט ליב.

די ליבע ווי אַ צונויפטרעף און צונויפשמעלץ־פונקט פון זעלישן און קערפּערלעכן איז אויסערגעוויינלעך שיין און איינפאַך געמאָלן אין די שורות:

איך שלאָף און מיין האַרץ איז אויף;
האָרך, מיין געליבטער קלאַפּט:

עפן מיר, מיין שוועסטער, מיין געליבטע,
מיין טויב, מיין אומשולדיקע,
ווארים מיין קאפ איז פול מיט טוי,
מיינע לאָקן מיט טראָפּנס פון נאַכט.

האָט מיין געליבטער אויסגעשטרעקט
זיין האַנט דורכן טיר־לאָך,
און מיין אינגעווייד האָט געברומט צו אים,
בין איך אויפגעשטאַנען עפענען מיין געליבטן,
און מיינע הענט האָבן מירע געטריפט,
און מיינע פינגער פליסיקע מירע
אויף די הענטלעך פון ריגל.
איך האָב געעפנט מיין געליבטן,
אָבער מיין געליבטער איז געווען פאַרשוואונדן, אַוועק —
מיין זעל איז אויסגעגאַנגען, ווען ער האָט גערעדט צו מיר — — —

**די דאָזיקע שורות שטעלן אַוועק קלאָר און שאַרף — פון איין זייט: די ענלעכקייט צווישן דער חיה און דעם מענטש, וואָס זייערע איינגעווייד ברומען צום געליבטן און — פון דער צווייטער זייט: דעם גרויסן חילוק, דעם גוואַל־טיקן איבערשטייג פון דעם מענטש איבער דער חיה.**

**די פיינלעכע גליקזעליקייטן, וואָס קומען פון די ליבע־זוכענישן און ליבע־בענקענישן, פירן זייער אָפט צו די טיפסטע זוכענישן און בענקענישן נאָך די טיפסטע און אַלע לעצטע מהותן פון דער וועלט. די דאָזיקע מיט צער און פרייד דורכגענומענע און דערכגעדרונגענע גליקזעליקייטן זיינען די נישט־חיהשע עלע־מענטן אין דעם מענטש — חיה. זיי טרייבן עס אָן זיין אַנטוויקלונג צום איבער־מענטש, וועלכער וועט איבערשטייגן און איינשליסן אין זיך דעם מענטש, ווי דער מענטש האָט איבערגעשטיגן און איינגעשלאָסן אין זיך די חיה. שוין נאָר דער ענטפער אַליין, וואָס שולמית גיט אויף דער פראַגע פון די טעכטער פון ירושלים, רעגט אונדזערע נשמות צו יאָגענישן נאָך דער אומענדלעכקייט, וועלכע ציט דעם מענטש פון די ערדישע צו די הימלישע וועלטן און צוריק.**

**די טעכטער פון ירושלים פרעגן:**

וואָס איז דיין געליבטער פאַר אַ געליבטער,
דו שענסטע פון פרויען?
וואָס איז דיין געליבטער פאַר אַ געליבטער,
וואָס דו האָסט אונדז אַזוי באַשוואוירן?

**און שולמית ענטפערט:**

מיין געליבטער איז קלאָר און גערויטלט.
די פאָן פון צען טויזנט,
זיין קאָפּ איז פיין גינגאָלד,
זיינע לאָקן געקרייזלט,
שוואַרץ ווי דער ראָב.
זיינע אויגן, ווי טויבן
ביי בעכן פון וואַסער,

געבאָדן אין מילך,
איינגעזעצט אין פולן.
דיינע באַקן, ווי אַ בייט בשמים,
ווי טורעמלעך געווירצן,
דיינע ליפּן ליליען,
וואָס טריפן פליסיק אין מירע.
די הענט דיינע — גילדענע וואַלצן
מיט קרישטאָל־שטיין באַזעצט,
דיין לייב — אַ שטיק עלפאַנטביין
מיט סאַפירן באַדעקט.
דיינע שענקלען מירמל־שטיין
געגרונטפעסט אויף שוועלן פון גינגאָלד.
דיין אַנבליק, ווי דער לבנון,
אויסדערווילט פון די צעדערן.
דיין גומען איז זיסקייט,
און ער אינגאַנצן אַ גלוסטיקייט.
דאָס איז מיין געליבטער,
און דאָס איז מיין חבר,
טעכטער פון ירושלים. — —

די מענטשלעכע פאַנטאַזיע, וואָס קאָן באַשאַפן אַזאַ שיין, אַזאַ נשמה־ און גוף־פאַרכאַפנדיק געשטאַלט, קאָן זיך בשום אופן נישט אָפּשטעלן שוין מער ביים מענטשלעכן בלויז. אַזאַ פאַנטאַזיע מוז אַליין גיין און אויך מיטרייסן מיט זיך אין איבערמענטשלעכע וועלטן אַלע די, וואָס ווערן באַווירקט פון פּראַכט און שיינקייט. אַזאַ פאַנטאַזיע מוז זיך אַוועקטראָגן איבער דעם רעאַלן אין דעם אידעאַלן. דאָרט שלאָגט זי זיך אָן אין דעם אַבסאָלוטן, וואָס אין אים גיסט זיך צונויף דאָס העכסטע און דאָס נידעריקסטע, דאָס גייסטיקע און דאָס קערפּערלעכע און אַלע אַנדערע פּאָזיטיווע און נעגאַטיווע אויסדרוקן, וועלכע האָבן וואוין־ און בירגער־רעכט אין דער מענטשלעכער שפּראַך.

גליקזעליקייט איז אַ צושטאַנד, וואָס ווייסט נישט פון קיין שום גרענעצן נישט אין דער טיף, נישט אין דער הייך און נישט אין דער ברייט. אין יעדן מאָמענט, ווען דער מענטש ווערט באַפאַלן פון אַזאַ געמיט־ און נשמה־צושטאַנד, דיינען די געפילן, וואָס האָבן אַרויסגערופן אַזאַ נשמה־צושטאַנד אַזוי פריש און ניי, ווי זיי וואָלטן אָט צום ערשטן מאָל אויף דער גרויסער וועלט געקומען. די דאָזיקע נשמה־צושטאַנדן, אָן נפקא־מינא צי קומען זיי פון ליבע־געפּלעפקייט, צי פון אַ העלדיש־רעוואָלוציאָנערער מחשבה אָדער טאַט, צי פון אַן אָריגינעלן קינסטלערישן, פילאָזאָפישן אָדער וויסנשאַפטלעכן אַריינבליק אין דער רעאַליטעט פון דער וועלט, פירן צו אַלערליי פאַרטיפונגען פון דעם רעליגיעזן באַוואוסטזיין.

דאָס דערקלערט פאַרוואָס רבי עקיבא, וועמענס אייגן לעבן איז געשיקזאַלט און געשטאַלטעט געוואָרן פון התלהבותדיקער ראָמאַנטישער ליבע, האָט געקענט צושרייבן דעם העכסטן ווערט דעם טאָג, וואָס אין אים איז געגעבן געוואָרן שיר השירים צו די יידן. דער רעליגיעזער ציטער, וואָס די ראָמאַנטישע ליבע אין דעם געזאַנג פון געזאַנגען לאָזט מיט אים דורכגענומען ווערן די מענטשלעכע נשמה, האָט געפירט צו דעם, אַז שיר השירים זאָל אַריינגענומען ווערן אין די כתבי הקודש.

בעריש ווײנשטיין

# א פ ש ר

אפשר, ווען וועסט צוריק אַוועק צום טוי פון יונגן ליד
מיטן זעלבן ציטערדיקן וואָרט פון יענע גרינע וואָר,
וועלן דיר לייכטער זיין די שנירלעך זילבער אין די האָר.
וועסט נישט ווערן אומעטיק פון גרויען געזיכט אין שפיגל
און נישט פרעגן:
וואו זיינען אַהינגעקומען די בלעטער פון פופציק האַרבסטן;
וואו זיינען די בינטלעך בעז פון שטשיגעלס בייזן גאָרטן;
דער ווײסליק וואָס האָט דיך געטראָגן נאָזנאָק צו דער בריק;
דער ווינטער מיט די שאַרפע פּאָטקעווע-ריסעם אויפן גליטש?

אפשר, ווען וועסט צוריק צו דער ערשטער בענקשאַפט נאָך שטעט;
צום חלום וואָס האָט דיך אַרויסגעפירט אַ ייִנגל צו דער וועלט,
וועלן אויף דיר נישט פאַלן שווער די פופציק אָפּגענאַרטע יאָר
און וועסט נישט פרעגן:
וואו זיינען די חלוצישע ייִנגלעך פון טשענסטאָכאָוו;
וואו זיינען זייערע געזאַנגען צום מאַרסעיער פּאָרט;
ס׳פייער פון סאַנען וואָס האָט נאָר געוואָלט זיין דאָרט;
די טרויעריקע בריוו זיינע וואָס האָבן האַלב-באַדויערט?

אפשר, ווען וועסט צוריק צו דער מורא פון פאָרן איבערן ים;
פילן פון אַ גרינעמס אַמעריקע דעם פרעמדן ביטערן טעם,
וועסטו זיך נישט זען פאַרעלטערט אין יענע ערשטע גאַסן
און נישט פרעגן:
וואו איז ערגיץ יענער חמשה-עשרדיקער ריח פון שבט;
דער געדיכטער רויש פון דאָנערשטיקן ריווינגטאָן סטריט
מיט די חזנישע קולות פון די הייזעריקע פאָנאָגראַפן?

צי אפשר
האָט די זון אין דזשעקסאָן-פּאַרק זיך נאָך נישט געזעצט
און דו דאָרט,
זיצט נאָך מיטן פנים צו דער שטעטלדיקער ווייט.
אָ, דעמאָלט פאַרנאַכט! ווי ווייט ביסטו געווען
דעם יום פון טאַטע-מאַמעס קבורה אינם ליד דאָ צו פאַרשרייבן?
מען מעג וויסן
דעם ז״ל פון יעקב אליעזר הכהן, ב׳ סיון, תש״י —
אָדער געדענקען
דעם עליו-השלום פון חיהטשע, כ״ט תשרי, תש״ב —
אפשר וועט דאָך אַמאָל אַ קינד סתם אַזוי צוגיין
צו די צוויי בערגלעך קבר-אָבות אויף „מאונט” חברון.

**י. פרידלאַנד**

# אויף אייגענער ערד

(דערציילונג)

ברוך פעלדמאַן האָט געהאַט זיין קראַם פון אַלטוואַרג, צווישן אַ צאָל אַנדערע קראַמען פון דעם מין, אין דעם מיזרח־טייל פון לאָס אַנגעלעס, אויף פיפטער גאַס. די קרעמער פון דער גאַס האָבן ס׳רוב דאָ געהאַנדלט מיט אַלטע מאַנס־בילשע קליידער, געניצטע שיך, קאַפּעלושן און היטלען, געניצטע האַנט־געצייגן, צווייט־האַנטיקע זייגערלעך און כל׳ערליי געניצטע חפצים און מכשירים.

אויף דער „גאַס" און אַרום האָבן געלעבט ס׳רוב די אָרעמע פון די אָרעמסטע, די פאַרגעסענע, אַנטוישטע און פאַרוואָרלאָזטע. ווי נאָר אַזעלכער פון אָט די פאַרשוינען פלעגט אַריינבאַקומען אַ פּאָר דאָלאַר, פלעגט ער זיי פאַרטרינקען אין די ביליקע ביר־„סאַלונען", וואָס זיינען געווען דאָ אויף דער גאַס לרוב. און, אַז דאָס ביסל מזומן האָט זיך אויסגעלאָזט, פלעגט אַזאַ איינער אַריינשאַרן זיך צו פעלדמאַנען אין קראַם, אָדער צו אַן אַנדערן, און „פאַרזעצן" אַמאָל אַ זייגערל אָדער אַ רינגל פון עפּעס אַ ווערט, אָדער גאָר דאָס לעצטע שטיקל געצייג זיינס און, ווידער אַריין אין אַ שכנות׳דיקן ביר־שענק, צו דערגאַנצן זיין שיכרות.

די הייזער אויף דער גאַס און אַרום זיינען שוין ס׳רוב געווען אַלטע, אָפּגעריסענע, כמעט קאָנדעמנירטע. די „גאַס" האָט אויך געהאַט אירע ביליקע „האָטעלכעלעך" פון פינף־און־צוואַנציק ביז פופציק סענט אַ געלעגער פאַר איבערצונעכטיקן. צו באַגעגענען אויף אָט דער גאַס שיכורים וואַקלענדיקע און אויך האַלב שיכורע פרויען, מיט זייער געוויינלעכער אָפּגעלאָזנקייט, מיט די אָנגעשמינקטע פּנימער, וואָס שרייט אַרויס פון זיי זייער בידנער מצב און די אַזויגערופענע „פּראָפעסיע" זייערע, איז בכלל נישט געווען קיין זעלטנקייט... דאָס איז די „אָפּפאַל גאַס", אָדער אונטערן נאָמען „סקידראָ", וואָס געפינט זיך כמעט אין יעדער גרויסער שטאָט פון אונדזער צעשפּרייטער אַמעריקע.

אין אָט דער דעגענערירטער גאַס־אַטמאָספערע און סביבה, האָט ברוך פעלדמאַן, דער העלד פון דער סיפּור המעשה, צוזאַמען מיט זיין פרוי לאה און צוויי קליינע יינגלעך זייערע, געוווינט אין אַ פּאָר אָפּגעצוימטע צימערן פון הינטער דער קראַם.

פעלדמאַן, אַ ייד אין די אָנהייב פערציקער, אַ געזונטער, אַ ברייט־פּליי־ציקער, פון מיטעלן וואוקס, מיט קרעפטיקע מוסקולן־הענט צום אַרבעטן, האָט גיכער געפּאַסט אים צו זיין אַ פאַרמער, אַן ערד אַרבעטער, ווי צו שטיין אין אַ קראַם פון אַלטוואַרג. נו, איז ער טאַקע זייער נישט צופרידן געווען פון אָט דער פּרנסה און קרעמעריי, וואָס זי איז אים שוין מוראדיק געוואָרן דערווידער. האָט ער דעריבער טאַקע רק געחלומט צו ווערן ווען עס איז אַ פאַרמער, אַן ערד אַרבעטער; זיין נאָענט ביי דער נאַטור, האָבן אַן אייגענע באַלעבאַטישע ווירטשאַפט; באַאַרבעטן זיין אייגן פעלד און לעבן פון זיין אייגענער פּראָדוק־טיווער אַרבעט. דער „בזעת אפיך תאכל לחם", מיט דעם שוויס פון דיין פּנים זאָלסטו דיין ברויט עסן, איז געוואָרן זיין אידעאַל און שטרעבונג. אויב ער זיצט נאָך, לעת־עתה, אין אָט דער קראַם פון שמוץ און אַלטוואַרג, איז עס נאָר

דערפֿאַר, מחמת ער וואַרט אויף דער צייט, ווען ער וועט שוין האָבן אָנגעקליבן עטלעכע הונדערט דאָלאַר, כדי ביכולת זיין צו קויפֿן פֿאַר זיך אַ שטיק לאַנד מיט אַן אייגענער נחלה.

ווען פֿעלדמאַן האָט ענדלעך שוין געהאַט אָפּגעשפּאָרט זיינע עטלעכע הונדערט דאָלאַר, האָט ער ניט נאָר ערנסט אָנגעהייבן צו טראַכטן וועגן דעם, נייערט אויך גאָר אַ סך צו ריידן וועגן דעם. און, וועגן וואָס מע זאָל מיט אים ניט געוועז ריידן, איז ער תמיד אויף דעם ענין „ערד״ אַרויפֿגעקומען. — ווי אַ שטאַרק דורשטיקער וועט ביט אויפֿהערן צו אימאַגינירן און רק ריידן וועגן וואַסער; אָדער ווי אַ פֿאַרליבטער וועט נאָר טראַכטן און ריידן וועגן זיין געליבטער, אַזוי האָט אויך פֿעלדמאַן רק געטראַכט און גערעדט וועגן זיין באַ־ליבטן ענין — ערד . . . מע האָט ממש געזען, אַז דער מענטש ווערט עקזאַל־טירנדיק דערהייבן רעדנדיק בלויז וועגן דעם . . .

ווען זיינער אַ קונד, אַ ניט יידישער פֿאַרמער נעבן „ריווערסייד״ קאַלי־פֿאָרניע, מ״ר דזשאָנאַס, פֿלעגט זיך באַוויזן אין זיין קראָם, איינצוהאַנדלען אַ מציאה, פֿלעגט פֿעלדמאַן אים פֿאַרוואַרפֿן מיט כל׳ערליי פֿראַגן מכוח פֿאַרמעריי אין זיינע מקומות. ער האָט געוואָלט וואָס מערער באַקענען זיך מיט אַלע פּרטים וועגן דעם ענין, און אויך געהאַלטן זיך מיט אים אַן עצה וועגן זיך.

דזשאָנאַס, אַן אמתער דאָרפֿס מענטש, האָט אַן וועלכע פּניות דווקא אים צוגערעדט, און אפֿילו צוגעזאָגט אַרויסצוהעלפֿן מיט וואָס ער וועט נאָר בכוח זיין. אָט די דאָזיקע הבטחה פֿון זיין ניט יידישן פֿריינט האָט גאָר, גאָר אים געפֿרייט און זייער געפֿעלן: אַ יידישער קרעמער — האָט ער געטראַכט — וואָלט אוודאי מורא געהאַט פֿאַר אַ נייעם קאָנקורענט, און דאָ רעדט ער אים נאָך צו, און איז נאָך מבטיח אים צו העלפֿן אויך!

נאָך אַזעלכע שמועסן מיט דעם פֿאַרמער דזשאָנאַס, איז ביי אים נאָך מערער פֿאַרשטאַרקט געוואָרן זיין דראַנג און חשק אויפֿצוגעבן די קראָם און זיך ערנסט נעמען רעאַליזירן זיין שוין פֿון לאַנג פֿאַרטראַכטן חלום . . .

ווי אַזוי פֿעלדמאַן, פֿאַרקויפֿנדיק אַלטע זאַכן און קליידער, וועלכע ער האָט אַליין זיי גערייניקט און געלאַטעט, זייענדיק אין אַן אַטמאָספֿערע פֿון געמאַרק און אָפֿט ניט כשרן האַנדל, ווייט פֿון פֿעלד און שיינער נאַטור, זאָל זיך גאָר דערטראַכטן צו אַזאַ געדאַנק פֿון אַגריקולטור און פֿאַרמעריי, האָבן זיינע פֿריינט און שכנים לגמרי נישט געקענט פֿאַרשטיין . . .

ברוך אַ פֿאַרמער!? אַן ערד אַרבעטער! האָבן זיינע שכנים פֿון אים אָפּטמאָל אָפּגעחוזקט. אים האָט עס אָבער נישט אַנטמוטיקט: ניט דאָס אָפּחוזקן פֿון זיינע פֿריינט און שכנים און אפֿילו נישט די גלייכגילטיקייט פֿון זיין פֿרוי צו זיין אידעאַל און שטרעבונג.

זיינע ידיעות מכוח פֿאַרמעריי האָט ער ס׳רוב באַקומען פֿון נאָכפֿרעגן זיך ביי זיינע קונדן וואָס פֿלעגן פֿאַרפֿאָרן צו אים איינהאַנדלען מציאות, און בעיקר פֿלעגט ער זיך פֿאַרטיפֿן אין די ספּעציעלע פֿאַרם־ביילאַגעס פֿון די גרויסע ענגלישע זונטיק צייטונגען, און אויך פֿון די פֿאַרם בולעטינען, וואָס ער פֿלעגט אויסשרייבן פֿון דעם קאַליפֿאָרניער אַגריקולטור דעפּאַרטמענט.

אין אַ שיינעם פֿרימאָרגן האָט פֿעלדמאַן זיך אַראָפּגעכאַפּט צו זיין ניט־יידישן פֿריינט, מ״ר דזשאָנאַס, אויף זיין פֿאַרם, מיטן געדאַנק אַרומצוקוקן דאָס לאַנד און, אויף די עצות פֿון זיין פֿריינט, וועט ער אפֿשר דאָך קענען איינהאַנדלען

פאַר זיך אַ שטיקל באָדן. ער איז פון די דזשאַנאַסעס אויפגענומען געוואָרן מיט אמתער דאָרפישער פריינטשאַפט. דערנאָך האָט דזשאַנאַס אים אַרומגעפירט איבער דער שכנהשאַפט, אַנגעוויזן אים פאַרשיידענע שטיקער לאַנד, וואָס איז צום פאַרקויף, און ענדלעך האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט ביי אַ זעכציק אַקער פלאַט, וואָס האָט זיך געגרעניצט מיט דשזאַנאַסעס פאַרם.

— פעלדמאַן, דאָס איז אַ גוט שטיקל לאַנד — האָט דזשאַנאַס אים גע־עצה׳ט — אָט די ערד איז נאָך אין איר בתולה׳שאַפט. זי איז נאָך ביז איצט, כמעט, פון קיין אַקער־אייזן ניט באַרירט געוואָרן: ווען דו וועסט איר גוט באַהאַנדלען, וועט זי דיר טראָגן פרוכט גוטע, און דיר געטריי דינען . . .

פעלדמאַן איז געווען צופרידן ביז גאָר! קודם וועט ער זיין אַ שכן נעבן זיין פריינט דזשאַנאַס, צו וועלכן ער האָט געהאַט אַ סך צוטרויען, און בעיקר, נעבן אים וועט ער קענען פון אים אַ סך לערנען.

דעם זעלביקן טאָג נאָך האָט פעלדמאַן געגעבן אַן אַדערויף אויף די זעכציק אַקער לאַנד, וואָס גרעניצט זיך מיט זיין פריינט דזשאַנאַס.

— כ׳האָב געמאַכט איצט אַ זייער ערנסטן שריט אין מיין לעבן — האָט פעלדמאַן אַ זאָג געטאָן דזשאַנאַסן ביי דער קניה פון דעם לאַנד, — אַ חלום וואָס האָט, ווי אַ פונק, געטליעט אין מיר אַ שטיק צייט פון מיין לעבן הייבט אָן ווערן אַ רעאַליטעט . . .

— וועסט נישט חרטה האָבן, פעלדמאַן; האָסט גוט געקויפט — האָט דזשאַנאַס געזאָגט ביים זעגענען זיך און צוגעוואונטשן אים אַ סך גליק.

אויפן וועג אַהיים האָט ברוך פעלדמאַן אָפּגעגעבן זיך אַ שטיקל חשבון הנפש. אין זיין מוח איז פאַר אים אַדורכגעגאַנגען אַ צאָל באַשעפטיגונגען וואָס ער האָט איבערגעטאָן אין זיין גאַנצן אַרבעטסזאַמען לעבן; כל עבודת פרך האָט ער שוין איבערגעטאָן, מיט כל׳ערליי פרנסות זיך שוין באַשעפטיקט. ער האָט אָבער איצט, מערער ווי ווען עס איז, געפילט, אַז ביי דעם וועט ער זיך אָפּשטעלן; דאָס וועט זיין זיין לעצטע סטאַנציע. אין זעלביקן מאָמענט איז ער אָבער אויך באַוועלטיקט געוואָרן פון אַן אַנדער געדאַנק:

— נו יאָ, כ׳גיי איצט אַרויף אויף אַ גאָר אומבאַקאַנטן וועג צו מיר; כ׳נעם מיך צו אַן אַרבעט וואָס ניט איך, ניט מיינע עלטערן און ניט איינער אפילו פון מיינע נאָענטע פריינט, האָבן זיך ווען עס איז מיט דעם באַשעפטיקט. ניט נאָר דאָס; מיינע נאָענטע און מיינע שכנים וועלן מיין איצטיקע האַנדלונג באַטראַכטן ווי אַ משוגעת. כ׳ווייס אויך וואָס זיי וועלן זאָגן: — „אַ מענטש שטייט אין אַ געשעפט, „מאַכט אַ פיין לעבן״, און גיט עס מיט אַמאָל אויף, צוליב עפּעס אַן אינערלעכן דראַנג און וואונטש״ . . . בין איך, הייסט עס, אַ יוצא מן הכלל אין דעם פרט? — האָט ער מיט זיך אַליין גע׳חקיר׳ט. — נו, אוודאי וואָלט איך געוואָלט, אַז אויך מיינע פריינט, און יידן בכלל, זאָלן אויך האָבן אַ ביסעלע מער אינטערעס און אַ תשוקה צו לאַנד ווירטשאַפט און אַ ביסל וויניקער ברײען אין דעם „האַנדל און וואַנדל״. נו, איז עס אָבער נישט אַזוי. וועל איך דעריבער זיין דער יוצא מן הכלל, און אפשר גאָר זיין אַ מוסטער און ביישפיל פאַר אַנדערע? . . .

אַז ברוך פעלדמאַן איז אַריבערגעטראָטן די שוועל פון זיין קראָם, האָט ער דערוואַרטעט, אַז זיין פרוי וועט אים שוין דערלאַנגען אַ „שוואַרצן סוף״; לאה האָט טאַקע לכתחילה ביי זיך אָפּגעמאַכט, אַז זי וועט אים גאָר שטאַרק

אויסריידן און אפילו אויסזידלען, וואָס ער איז אַוועק אויף אַ גאַנצן טאָג און איבערגעלאָזט די גאַנצע קראָם אויף איר אַליין. ווען זי האָט אָבער דערזען איר פעלדמאַנען אַזאַ אויפגערוימטן, מיט פרייד שיינענדיקן, גלייך ווי ער וואָלט עפּעס אַ טייערן אוצר פאַר איר געפונען, איז דער גראַד פון איר כעס תיכף צעשמאָלצן געוואָרן, ווי אייז אונטער דער זון . . .

לאה, פאַרשטייט זיך, איז נייגעריק געווען צו וויסן: וואו ער איז געווען, און וואָס האָט ער אַזוינס איינגעהאַנדלט, וואָס ער איז אַזוי באַפליגלט מיט התלהבות! זי האָט דעריבער נישט געוואָלט פאַרפירן קיין קריג מיט אים, אין דעם מאָמענט, נאָר מיט נייגער געוואַרט צו הערן וואָס ער האָט צו דערציילן. איר אויסערלעכע רואיקייט האָט שטאַרק געמוטיקט פעלדמאַנען, און ער האָט מיט באַגייסטערונג זיך געטיילט מיט איר, די וואונדער פון זיין אַנטדעקט לאַנד...

— אך, לאה! לאה! ווען דו וואָלסט נאָר אַזוי געדענקט און געפילט ווי איך, וואָלטן מיר מאָרגנדיקן טאָג, אפילו, אַוועק פון דאַנען און באַזעצט זיך אויפן לאַנד. גלויב מיר לאה, ס'איז נישטאָ נאָך קיין שענערע זאַך, ווי זיין נאָענט ביי דער נאַטור: גייסט אַרויס אין פרימאָרגן אויף דעם פרייען פעלד, די פויגעלעך באַגריסן דיך מיט געזאַנג; די עופות, די קי און אַלע בעלי־חיים זיינען אַרום דיר אַזוי נאָענט היימיש. די לופט דאָרטן איז מילד און פריש און ביסט פריי פון דעם שטאָטישן געטומל און געמאַרק. די ערד איז דאָ רחבותדיק און פריי אויסגעשפרייט; די רייפע ווייץ־פעלדער האָבן אַרויפגעצויגן אויף זיך אַ העל־גאָלדיק מלבוש, און די אלפאלפא פעלדער זיינען ווי מיט גרינע טעפּיכער באַדעקט. און, אַז מיר'ן נאָר ווילן לאה, הערסט! קען דאָס אויך זיין אונדזערס! פאַרשטייסט לאה? אונדזערס אַן אייגנס! . . .

גלויב מיר, לאה, ביסטו אויפן לאַנד, נאָענט ביי דער נאַטור, פילסטו אין גאַנצן אַנדערש. פילסט אַז דו ביסט עפּעס! ניט ווי אַ וואָרעם צווישן פויזנדיקע ווערעם, און ניט ווי אַ זעמדעלע צווישן זאַמדן: פילסט ווי דו ביסט אַ שעפער און אַ שפּייזער און אַ טייל פון דער נאַטור אַרום . . . קען דען זיין אַ שענערער לעבן פאַר אונדז און די קינדער — האָט פעלדמאַן אַלץ געפּרואווט זיין לאהן צו איבערצייגן — וועסט האָבן אַן אייגענע נחלה מיט אַ שיינער באַלעבאַטישער ווירטשאַפט; אונדזערע קינדער וועלן געזונטע און שטאַרקע אויסוואַקסן און נישט דאַרפן מיט די שטאָטישע פרנסות זיך פאַרנעמען. אוי די פרנסות! די פרנסות! . . . און וויפיל וועט עס ווערט זיין, אַז מיר'ן נישט דאַרפן מער האַנדלען און וואַנדלען, נישט האָבן צו טאָן מער מיט די שיכורים פון „גאַס", און די „דעטעקטיווס", וועלכע באַווייזן זיך רק זוכן און נישטערן, צי האָבן מיר נישט עפּעס אַ ניט כשר שטיקל סחורה אָפּגעקויפט אָדער עמעצער האָט פאַרזעצט . . . און די דורכנעמענדיקע בליקן פול מיט חשד, וואָס זיי וואַרפן אונדז צו . . . יאָ, יאָ, אַ שיינע פרנסה האָבן מיר עס! גלויב מיר לאה, אַז אָט דאָס געשעפט איז מיר שוין נמאס ומאוס געוואָרן . . .

— פאָלג מיך לאה, לאָמיר דאָס געשעפט פאַרקויפן און פּטור ווערן פון אָט דעם כסדרדיקן געראַנגל. מיר'ן פירן דאָרטן אַן ערלעך אנשטענדיק לעבן. וואָרום זאָלן נאָר זיי „טאָם, דיק און דזשאָנאָס", און טויזנטער אַנדערע גויים, לעבן אַ רואיק איינגעוואָרצלט לעבן, אויף דעם שויס פון דער מאַמע ערד, און מיר דאָ ווערן פאַרשוואַרצט, פון פרי ביז שפּעט אין אַוונט, אין אָט דער „לאָך" פון שמוץ און אַלטוואַרג? . . .

— לאה! כ׳בין גרייט שווער צו אַרבעטן, „מיטן נאָז די ערד אַקערן״, אַבי פּטור צו ווערן פון דעם שטאַטישן הו־האַ און גהינום.

נאָך אַזאַ פעסטן און ערנסטן ריידן פון ברוכ׳ן, האָט לאה שוין גוט געוואוסט, אַז קיין זאַך וועט זיין באַשלוס נישט אומבייטן. האָט זי אים שטיל אָן איבעריקער פרייד געגעבן איר הסכמה צו זיין פּלאַן, מיט דער האָפענונג, אַז זיין „משוגעת״ וועט אפשר איבערגיין, מיט דעם אָנהייב פון די ערשטע שוועריקייטן אויפן פאָרם. זי האָט אָבער, לעת־עתה, אים ניט צופיל אַנטמוטיקט. געטראַכט האָט זי אויך אין דעם מאָמענט: אפשר איז ער דאָך גערעכט; אפשר וועט אַלץ זיך דאָך אויסלאָזן צום גוטן, ווי ער זאָגט . . . אפשר! . . .

פעלדמאַן האָט אָנגעהויבן מאַכן די נייטיקע הכנות אויף דעם איבערציען זיך אויף דער פאַרם וואָס ער האָט געקויפט. דאָס זיינען געווען די האָפנונגספולע טעג פון זיין לעבן. אַ וואָך פאַר פסח האָט ער שוין געהאַט פאַרקויפט די קראָם, און תיכף נאָך פסח האָט ער איינגעפּאקט די כל׳ערליי זאַכן און מכשירים, אין אַ גרויסן לאַסט־וואָגן. אויך לאה׳ן מיט די קינדער האָט ער איינגעזעצט אין וואָגן; אַ ברוין קודלאַטן הונט האָט ער צוגעבונדן צום וואָגן, און אַליין אויף דער קעלניע פון געשפּאַן גרייט געווען אָנצוהייבן די נסיעה.

ביים געזעגענען זיך מיט די פעלדמאַנס, האָבן די שכנים און נאָענטע פריינט זייערע, ווינטשנדיק זיי גליק אין זייער נייער אונטערנעמונג, האָבן זיי בשעתו צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, ווי מע באַדויערט איינעם וואָס אונטערנעמט זיך אַ גע־וואַגטע, אומבאַקאַנטע און ניט זיכערע נסיעה . . .

מאַן און ווייב האָבן דעם גאַנצן וועג כמעט מיט אַ וואָרט ניט איבערגעוואָרפן זיך. אַ מאָדנער אומהיימלעכער שווייגן, צווישן זיי, האָט זיך געצויגן שעהן לאַנג.ביידע זיינען פאַרנומען געווען מיט באַזונדערע טראַכטענישן און געפילן: לאה האָט איצט געפילט עפּעס אַזוי ווי זי וואָלט נישט געפאָרן מיט איר ברוכן אַהינצו, אַ נייע היים פאַר זיך בויען, נייערט עפּעס אַ פרעמדער פירט זי ערגעץ צו אַן אומבאַקאַנט אָרט, צו פרעמדע מענטשן. ניט מיט איר פרייען ווילן, האָט זי גע־פילט, פאָרט זי אַהינצו: ווער ווייס, האָט זי געטראַכט, צי וועט זי קענען גאָר אין גאַנצן איינלעבן זיך דאָרטן; און וועט זי קענען צוריק אין שטאָט אומקערן זיך, אויב ס׳וועט איר ניט זיין צום האַרצן? אָבער . . . האָבן מיר דען ניט פאַרברענט אונטער זיך די בריקן, זיך צעבראָכן אין גאַנצן? . . . מיט אַזעלכע צערפולע מחשבות איז לאה פאַרנומען געווען דעם גאַנצן וועג פון דער נסיעה . . .

דער ברייטער טאָל איז שטיל געלעגן ווי אין אַ דרימל; די פוס־בערג פאָרויס זיי, זיינען ווי מיט בלוי־פּיאָלעט געווען באַצויגן און געבלענדט זיך שאָטנדיק אַנטקעגן דער פאַרגייענדיקער זון. אין דעם גאַנצן אַרום האָט זיך גע־פילט איצט די אַ בין־השמשותדיקע שטילקייט. אָט די שטילע, רואיקע פּאַנאָראַמע פון דעם טאָל האָט אויףביידן געווירקט אַנדערש און פאַרשידן. בעת אויף לאהן האָט דער גאַנצער אַרום, מיט די ריזיקע בערג אין דער ניט ווייטער דיסטאַנץ, אַנגעוואָרפן אַ מרה־שחורה און אַ באַדריקונג אויף איר געמיט; האָט אָבער דער גאַנצער נאַטור רייכער אַרום אַרויסגערופן אַ דערהייבנדיקע שטימונג און אַ שטיל געזאַנג ביי פעלדמאַנען . . .

מיט זיין דערנעענטערן זיך צום אָרט פון זיין צוקונפטיקער היים, האָט זיין מוח זיך שוין אָנגעהויבן באַשעפטיקן מיט מחשבות און פּלענער פאַר די נאָענטע טעג. ער האָט פאַר זיך אויסגעלייגט אַ סדר פון אַרבעט, וואָס ער וועט טאָן מאָרגן,

איבערמאַרגן און סוף וואָך. מיט דעם צופאַלן פון דעם אָוונט זיינען זיי אַריינגעפאָרן צו זיין פריינט און שכן, דזשאַנאַס, אויפן פאַרם.

די דזשאָנאַסעס האָבן זיי זייער פיין מקרב געווען: אַ מאָלצייט פאַר זיי פאַרגרייט און אַ נאַכטלעגער, פאַר דער פאַמיליע, באַזאָרגט. די פריינטלעכקייט פון די דזשאָנאַסעס האָט לאהן זייער גערירט. זי האָט זיך לייכטער דערפילט און אַ ביסל באַרואיקט איר געמיט.

— צווישן מענטשן ווערט מען נישט פאַרפאַלן — האָט זי ברוכן איינגערוימט אין דער שטיל.

— דאָרפס מענטשן זיינען ס׳רוב בעסער און פריינטלעכער ווי גרויס־שטאָטישע — האָט ברוך, אויך אין דער שטיל, איר געענטפערט.

צומאָרגנס איז פעלדמאַן מיט דזשאָנאַס אַריינגעפאָרן אין דעם נאָענטן ישוב, איינצוקויפן בייטיקע זאַכן און געהילץ. דזשאָנאַס האָט פעלדמאַנען גאָר אַ סך אַרויסגעהאָלפן: אויפשטעלן אַ קליינע הייזקע, אַ שטאַל, אויפגעבראַכן אַ שטיק לאַנד, גרייט געמאַכט פאַר דעם ערשטן פאַרזיי, און אָנגעוויזן אים אויף אַ סך זאַכן וואָס איז פעלדמאַנען, ביז איצט, לחלוטין פרעמד געווען. פעלדמאַן האָט באמת ניט געוואוסט, מיט וואָס קען ער אים אָפּדאַנקען פאַר אָט די אַלע מעשים טובים, וואָס ער טוט פאַר אים . . .

---

אַ שטח פון זעכציק אַקער לאַנד, האַרט נעבן די פוס־בערגלעך, האָט מיט זוניקער פרייד אַראָפּגעקוקט צום טאָל, און געפרייט זיך מיט איר האַרעפּאַשנעם באַזיצער. פעלדמאַן האָט זיין ערד זייער ליב באַקומען. ער איז געוואָרן אַ טייל פון איר: פון פרי ביז שפּעט אין אָוונט און אַ סך מאָלביים שיין פון ליכטיקע לבנה נעכט, האָט ער שווער געאַרבעט אָבער שטאַרק הנאה געהאַט. אין אָנהייב, ווען ער איז אַרויף אויף זיין לאַנד, איז נאָך דאָן קיין סימן ניט געווען פון בוים און גרינצייג, — רוי־ערד . . . איצט זעט ער פאַר זיך ווי די יונגע צעדער און עקאָליפּטן ביימלעך, וואָס ער האָט פאַרפלאַנצט ביי דעם גרענעץ פון זיין לאַנד, האָבן זיך צעגרינט און באַבלעטערט: אָט איז אַ שיינער פיר־עקיקער לעקעך מיט געדיכטע גרינער אלפאלפאַ; און אַ צווייטער קוואַדראַט מיט געדיכטע קאָרטאָפל צווייגן און אַנדערע גרינסן. ביים סוף פון זיין לאַנד, אויף גרינער פּאַשע, פיטערן זיך זיינע בעלי־חיים: אַ פּאָר פערד, אַ פּאָר קי און קעלבלעך. מיט יעדער וואָך פאַרמערט זיך זיין ווירטשאַפט, און ער הייבט שוין אָן זען די פרוכט פון זיין פראַצע . . .

אין אָנהייב האָט ער מיט די הענט און גאַנצן גוף אָנגעהאַלטן זיך ביים אַקער־אייזן, און נאָכגעגאַנגען דעם איין־פערד־געשפאַן, אַקערנדיק די פעטע ברוינע ערד זיינע. גאָרניט גרינג איז עס אים אין אָנהייב אָנגעקומען. איצט זיצט ער אַ שטאָלץ צופרידענער אויף אַ דריי־רעדלדיקן אַקער־אייזן, מיט אַ פּאָר סוסים צוגעשפּאַנט, און זינגט פאַר זיך דאָס ליד פון דער סאָכע . . .

פעלדמאַן האָט ממש געשעפּט נחת פון אַלץ וואָס ער האָט געטאָן אויף זיין פעלד: פון די ערשטע שפּראָצונגען וואָס האָבן זיך באַוויזן נאָכן פאַרזיי, פון דעם הויך געוויקסיקן קאָרן, און פון די ליכטיק־גאָלדיק ווייץ־זאַנגען, וואָס האָבן זיך באַוועגט ווי די שטילע כוואַליעס פונם פּאַסיפיק. די פיזישע שווערע אַרבעט

אויפן פעלד איז אים געוואָרן גרינג און ליב; מיט גרויס הנאה איז ער פאַר־כאַפּט געוואָרן פון אַלץ וואָס ער האָט געטאָן און געשאַפן . . .

— האָסט זיך גאַנץ גוט איינגעאָרדנט, פעלדמאַן, מיט אַ גאַנץ נישקשה־דיקער ווירטשאַפט — האָט איינמאָל דזשאָנאַס, זיין געטרייער שכן, צו אים אַ זאָג געטאָן מיט ניט ווייניק צופרידנקייט און שטאָלץ. דזשאָנאַס האָט דאָך געהאַט אַ שטיקל חלק אין דעם דערפאָלג פון זיין שכן; איז ער דען ניט געווען זיין בעל־יועץ און אַרויפגעפירט אים אויף דעם דרך המלך?

— יאָ, פריינט דזשאָנאַס, דאָס האָב איך אַלץ אייך צו פאַרדאַנקען פאַר דעם: אַלץ וואָלט געווען זייער גוט — האָט פעלדמאַן אַ שטאַרק פאַרזאָרגטער זיך אים פאַרטרויעט — ווען מיין יידענע וואָלט כאָטש אַ ביסל צופרידן געווען פון דעם אַלעמען; איז זי אָבער רק אומצופרידן, וויל גאָרניט טאָן צו פאַרגרינגערן מיין מצב; האַלט מיך אין איין „נעגן" איך זאָל נאָר פאַרקויפן די פאַרם און צוריק אין שטאָט גיין. כאָטש נעם און גיב אַלץ אויף, וואָס כ'האָב דאָ מיט מיין שוויס און בלוט באַשאַפן . . .

— דו ווייסט פעלדמאַן! — כ'קען אייערע ניט פאַרשטיין — האָט דזשאָנאַס אַ צי געטאָן אַרויף מיט זיינע ברייטע אַקסלען — ביי אונדז וואָלט אַזאַ זאַך נישט געגאַנגען! . . . האָט זי דען נישט צוגעשטימט, דיינע, צו זיין מיט דיר „פאַר גוט און שלעכט?" . . . דו ווייסט, פעלדמאַן, וואָס דיין שכן ראָבערטס, לינקס פון דיר, האָט געטאָן צו זיין יידענע, ווען זי האָט אָנעהויבן פּראַווען אַזעלכע שטיק ווי דיינע? . . . גאַנץ פשוט: ער האָט אַ פּאָר מאָל איר גוט אונטערגע־שלאָגן די ביינער, און זי האָט זיך געמוזט אונטערגעבן . . .

— ניין דזשאָנאַס — האָט פעלדמאַן לייכט שמייכלענדיק געענטפערט זיין ליבן שכן — מיר קענען אַזאַ זאַך נישט טאָן. ס'איז נישט אין אונדזער טבע צו שלאָגן אַ פרוי. אגב, האָט צוואַנג נאָך קיינמאָל קיין גוטס און האַרמאָניע ניט געבראַכט . . .

— אפשר ביסטו גערעכט — האָט דזשאָנאַס אַ ביסל סקעפּטיש, אַ קראַץ טוענדיק זיך אין קאָפּ, געזאָגט — אפשר . . . כ'ווינטש דיר גליק, פעלדמאַן! . . .

---

אין אָנהייב, די נייקייט און דער אומבייט אין זייער לעבן, די פריינטלעכ־קייט פון די שכנים און די אָנהאַלטנדיקע באַגייסטערונג פון ברוכן, האָט לאה, אָפּט מאָל, דערדריקט אין זיך איר אומצופרידנקייט. שפּעטער, נאָך אַ לענגערן זיין דאָ, אָן די באַקוועמלעכקייטן פון גרויס־שטאָט, אָן אייגענע פריינט און אָן יידישע שכנים, האָט זי אָנגעהויבן זיך פילן אומגליקלעך . . . און האָט אָנגעהויבן ברוכן גריזשען און פּלאָגן, מיט טענות ומענות:

— וואָס האָסטו מיך געבראַכט אַהער אין דער וויסטעניש? וואָס האָסטו דאָ און וואָס האַלט דיך דאָ? אַרבעטס שווער, טאָג איין טאָג אויס, קיין גראָשן מזומן זעסטו נישט אָן אין די אויגן; אונדזערע יינגלעך וועלן דאָ גויים אויס־וואַקסן ר"ל. וואָס האָט דיר געפעלט אין שטאָט, וואָס? — ביסט געזעסן אין קראָם, „געמאַכט" געלט, תמיד געהאַט דעם דאָלער אין האַנט . . . נו, און אַז דער מסחר איז נישט געווען אַזאַ כשרער, איז וואָס?! וואָס ביסטו מער צדיק פון די אַנדערע אויף דער גאַס!? קיין זאַך האָט אונדז נישט געפעלט: שיינע

מלבושים, פאַר אונדז און די קינדער, געגאַנגען צו גאַסט און מע איז געקומען צו אונדז. וועמען האָסטו דאָ? — ביסט אָפּגעריסן פון דער וועלט און מענטשן! נו, נו, אַזאַ משוגעת! אַ פּאַרם האָט זיך אים פאַרוואָלט! האָסטו געהערט אַזוינס אין דיין לעבן?! וואָס טויג מיר די פאַנטאַסטיש צוגעזאָגטע גליקן דיינע, אַז כ׳דאַרף זיי ניט, און וויל זיי ניט; פאַר וועמען און צוליב וועמען? פאַר דיינע גויים אויספּיינען זיך? . . . אויב דו פאַרקויפסט נישט די פּאַרם, ברוך, וועל איך מיט די קינדער צוריק אין שטאָט גיין, און מער נישט צוריק קומען . . .

פעלדמאַן האָט מיט גרויס ווייטיק און עגמת־נפש געזוכט זי צו איבערצייגן, און ממש געבעטן זיך ביי איר:

— וואו וועלן מיר איצט גיין, לאה? דאָס ערגסטע זיינען מיר דאָך שוין איבערגעקומען. איצט, ווען אַלץ איז שוין אַ סך גרינגער ווי פריער, ווילסטו איך זאָל עס איבערלאָזן? מיט דער שטאָט האָבן מיר דאָך שוין אַלץ איבערגעריסן! ניט איך האָב דאָרטן געוואָלט זיין פריער, און איצט אוודאי נישט! . . .

טאָמער האָט זי אים אויף אַ וויַל אָפּגעלאָזט, איז זי באַלד ווידער צו אים צוגעשטאַנען מיט די זעלביקע טענות ומענות, ער זאָל נאָר פאַרקויפן די פּאַרם און צוריק אין שטאָט זיך באַזעצן . . .

פעלדמאַן האָט אָבער פון שטאָט מער נישט געוואָלט וויסן. דער געדאַנק אַליין, אַז ער וועט דאַרפן אויפסניי לויפן, האָווען אין דעם שטאָטישן האַרמידער, יאָגן זיך נאָך דעם שטיקל פּרנסה, האָט אים מוראדיק דענערווירט ביז משוגעת... חוץ מזה, טראַכטנדיק בלויז אַז ער זאָל דאָס דאַרפן, חלילה, איבערלאָזן, האָט עס אים קראַנק געמאַכט: אַלץ וואָס ער האָט געהאָט דאָ אויף זיין לאַנד, האָט ער כמעט אַליין איינגעריכטעט און דערצויגן. און מחמת דעם טאַקע, האָט ער געפילט צו אַלץ וואָס איז דאָ אַן אומגעהייערע ליבע און איבערגעבנקייט. צו שיידן זיך מיט דעם וואָס, ער האָט מיט זיין בלוט, שווייס און נשמה באַשאַפן, וועט ער בשום אופן נישט קענען: ס׳וואָלט געמיינט צו אים דאָס אָפּשטאַרבן פון זיין איך, זיין פערזענלעכקייט און דער סוף פון זיינע חלומות אויף אייביק . . .

לאה האָט עס נישט געקענט און נישט געוואָלט פאַרשטיין, האָט זי איר קאַמף מיט אים ניט אויפגעגעבן; כאָטש זי האָט געזען, אַז איר האַנדלונג ווירקט זייער שטאַרק אויף זיין געזונט. פאַרקערט, זי איז וואָס אַמאָל פאַרביטערטער געוואָרן, און אויסגענוצט כל׳ערליי וועגן, אים שווערער מאַכן דאָס לעבן דאָ: זי האָט פאַרנאַכלעסיקט דאָס הויז, די באַלעבאַטישקייט, און אַלץ האָט ער געמוזט אַליין דורכטראָגן.

פעלדמאַן האָט דורך דעם מורא׳דיק געליטן און אָנגעהויבן שטאַרק אונטער־קריינקען: דעם גאַנצן זומער האָט ער זייער שווער געאַרבעט: פיר שניט אַלפאַלפאַ אַרונטערגענומען און „געסטויגט״, די תבואות אין שפייכלער אַריינ־געבראַכט. געהאַפּט האָט ער, נאָך שניט־צייט, אָפּרוען זיך אַ ביסל, אָפּכאַפּן דעם אָטעם פון דער אָנגעשטרענגטער אַרבעט; און אפשר גאָר אַראָפּכאַפּן זיך אין שטאָט פאַר עטלעכע טעג מיט דער פאַמיליע, וועט עס לאהן אַ ביסל באַרואיקן איר געמיט . . .

---

ווען די גרויסע רעגנס, אין חודש כסלו, האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט, איז פעלדמאַן אַ מידער, אַן אויסגעשעפּטער, אַ צוגעקילטער און קראַנקער אַנידער־

געפאַלן. אין צוגאָב צו זיין קריינק, האָט זיך נאָך אויך צוגעשלאָגן אַ שטאַרקע לונגען־אַנטצינדונג. ער איז עטלעכע טעג געלעגן צווישן לעבן און טויט. דעם שווערן קריזיס איז ער נישט בייגעקומען, און איז שטיל, מיט אַ מיתה בנשיקה, נפטר געוואָרן . . .

צו זיין לויה האָבן אים באַגלייט: די אלמנה מיט די צוויי יינגלעך זיינע, די ניט יידישע שכנים, וועלכע האָבן אים זייער ליב באַקומען, און אַ פּאָר יידישע פריינט פון נאָענטן ישוב.

אין זיין צוואה האָט ער אָנגעזאָגט, מע זאָל אים באַערדיקן ביים גרענעץ פון זיין אייגן לאַנד, צווישן די יונגע צעדער און אקאַליפּטן ביימלעך, וואָס ער האָט אַליין פאַרפלאַנצט, און וועלכע האָבן, יענעם זומער, זיך שטאַרק צעצווייגט און באַבלעטערט . . .

---

**פּראָפ. סאָלאָמאָן קאַהאַן**

# קאַליפאָרניע אין „חשבון״

ווען מיר ווילן זיך שאַפן אַן איינדרוק וועגן אַ ליטעראַרישער פּעריאָדישער אויסגאַבע, איז נישט גענוג דורכצולייענען בלויז איין נומער אירן. ס׳איז וויכטיק אין אַזאַ פאַל זיך צו באַקענען גענויער מיט עטלעכע אירע נומערן. דאָס איז נויטיק כדי צו זען צי זי האָט וועלכן ס׳איז לייט־מאָטיוו, עפּעס וואָס ס׳איז פאַר איר כאַראַקטעריסטיש און מאַכט זי אייגנאַרטיק, אָדער צי איז זי אַ מער אָדער ווייניקער געלונגענע קאָמפּילאַציע פון צוגעשיקטע מאַנוסקריפּטן.

וויל איך דאָ איבערגעבן מיין איינדרוק וועגן אַ געוויסן אַספּעקט פון דעם זשורנאַל „חשבון״, וואָס דערשיינט אין לאָס אַנגעלעס, אויפן גרונט פון די נומערן זעקס, זיבן, אַכט און ניין, וואָס זיינען צו מיר דערגאַנגען.

---

אַרויסגעגעבן דורך דעם לאָס אַנגעלעסער יידישן קולטור קלוב און שרייבער קרייז „בוך און לעבן״, מיט יצחק פרידלאַנד, ווי זיין רעדאַקטאָר, און מיט וויליאַם נאַטאַנסאָן, מלכה טוזמאַן און נח גאָלדבערג, ווי זיין רעדאַקציע־ראַט, איז „חשבון״ ראשית־כל אַ קאַליפאָרניער זשורנאַל. ער איז עס נישט בלויז דערפאַר ווייל ער דערשיינט אין קאַליפאָרניע. דאָס אַליין וואָלט געווען אינטערעסאַנט בלויז אין דעם זין פון זיין פּאָסט־אַדרעס, און וואָלט געווען לא מעלה ולא מוריד וואָס שייך זיין ווערט.

„חשבון״ איז אַ קאַליפאָרניער זשורנאַל, ווייל ס׳איז אין אים דאָ דער אָטעם פון קאַליפאָרניע. ס׳האָט אַמאָל אימעצער, אויסנוצנדיק אַ ווערטער שפּיל אין ענגליש, געזאָגט: „קאַליפאָרניע איז נאָט עי סטייט באָט עי סטייט אָף מיינד״, וואָס, פריי איבערזעצט אויף יידיש, מיינט עס: „קאַליפאָרניע איז נישט בלויז אַ שטאַט פון די פאַראייניקטע שטאַטן, נאָר אויך, און נאָך מער, אַ ספּעציפישער געמיט־צושטאַנד״.

אָט דאָס, וואָס איז, ווי אַ שטימונג, ספּעציפיש פאַר קאַליפאָרניע, געפינט אין „חשבון״ אַן אָפּשפּיגלונג און אַן אָפּקלאַנג. עס שפּיגלט זיך אָפּ אין אַ באַ־

דייטנדיקן טייל פון „חשבון׳ס״ פראָזע און קלינגט שטאַרק אָפּ אין זיין פּאָעזיע.

עס שפּיגלט זיך אָפּ, צום ביישפּיל, אין די פיין געשניצטע מיניאַטורן, וואָס זיינען באַטיטלט „קאַליפאָרניע״, פון יצחק פרידלאַנד, וועמענס טרוים, נישט געקוקט אויף דעם, וואָס זי, קאַליפאָרניע, איז „פאַר׳שמ׳ט ביי דער וועלט״ מיט אירע „פּיפּיקע פּרעס־אַגענטן, פילם הייזער, און אויטאָמאָביל אייגנטימער״ איז זיין טרוים נאָך אַלץ:

„באַזעצן זיך אין אַ שיינער באַשיידענער „באַנגאַלאָ״ אויף אַ קליינער פאַרם, באַשאָטנט פון דיינע הויכע עקאַליפּטן און קאַלירפולע בלומען, און דאָרטן, אין דעם גאָלדענעם זון־שיין און אין די בלויע זילבער לבנה־נעכט, וועל איך זען פאַר זיך וויזיעס און פאַנטאַזיעס, פון אַ וועלט אַ ליכטיק־שיינע און אַ גייסטיק־קאַלירפולע . . . ״

אָט דער טרוים איז אין זיך אַליין עפּעס פון דעם, וואָס מען מיינט, ווען מ׳זאָגט, אַז קאַליפאָרניע איז נישט נאָר אַ שטאָט, נאָך מער, אַ ספּעציפישער געמיט־צושטאַנד.

פונקט אַזוי איז דורכגעדרונגען מיט אָט דעם ספּעציפישן געמיט־צושטאַנד, וואָס קאַליפאָרניע שאַפט אין דעם מענטשן, נישט געקוקט, וואָס אויך דאָרט זיינען פאַראַן אָרעמקייט און אַלע אַנדערע באַקאַנטע סאָציאַלע איבלען, — דאָס שיינע ליד „פיעסטאַ״ פון דעם לאָס אַנגעלעסער יידישן פּאָעט פינטשע בערמאַן, אין וועלכן מיר לייענען די פאָלגנדיקע כאַראַקטעריסטישע פערזן:

„אַלץ איז שטאַרק היינט — אַלץ איז מעכטיק;
אַלץ איז גוט היינט — אַלץ איז ליבע,
און קיין האַרץ איז נישט קיין טריבע . . . ״

און כאָטש מלכה טוזמאַן, די קרעפטיקע דיכטערין, וועמענס לידער עס ווערן מיט יעדן יאָר אַלץ יאָדערדיקער, זאָגט וועגן דער שטאָט לאָס אַנגעלעס:

„דו ביסט מיר ליב, אַ שטאָט מיינע על עי,
נאָר זינגען קען איך נישט צו דיר
ווי זיי, די אַנצאָליקע באַזינגער דיינע״,

ווייל איר איז צו גוט באַקאַנט די „אָרעמגאַס״ פון דער מלאכים־שטאָט,—אויך זי איז פונדעסטוועגן דורכגעדרונגען מיט דעם ספּעציפישן קאַליפאָרניער געמיט־צושטאַנד, און אויך פאַר איר איז לאָס אַנגעלעס אַ „שמעקעדיקער הדס״, און אויך זי וויגט זיך מיט „אין קאַראַהאַד״ פון די חסידים — דיינע קייטלדיקע בערג״.

פאַרכישופט פון קאַליפאָרניע איז אויך די דיכטערין ברכה קודלי, וועמענס „קאַליפאָרניער מאָטיוון״ עס האָבן געקענט געשריבן ווערן נאָר דורך אימעצן, וואָס איז פערמאַנענט פאַרליבט אין דעם קאַליפאָרניער פייזאַזש, און איז דורכגעדרונגען מיט דעם ספּעציפישן געמיט־צושטאַנד, וואָס ער אינספּירירט:

„דיין האַרץ, קאַליפאָרניע, גליט יונג און וואַך
מיט ברויז פון קליינע קינדער,
וואָס טוען אַ צעשאָט אינדערפרי זייער פרייד
קלינגענדיק — פון לאַכן און פון שטיפן —
אויף צעבליטער קוויט.

פאַרטונקען אין גערטנער,
קושט די ערד זייערע דריבנע טריט
מיט בליטן, וואָס פאַלן פון בוים אין ראָזן געשריפט.
ווי זערנעס אין אַ זאַנג
צייטיקט דער קוש אין זיי אַ לעבן לאַנג.

דיין קלינגענדיקער וואָר
מישט זיך מיט מאַגישן געשוויג״.

**ביז גאָר איינדרוקספול איז, אַ דאַנק זיין בילדלעכקייט און זיינע סטיליס־טישע פיינקייטן, דאָס ליד „קאַליפאָרניע״, פון אסתר שומיאַטשער. אין אירע פערזן באַווייזט זיך פאַר אונדז קאַליפאָרניע אין איר גאַנצער פראַכט. אָט זיינען עטלעכע פון זיי:**

„צווישן שטיין און זאַמד דאָ בליט די ברכה,
פולע בריסטן איז די באַרוישטע ערד;
עס שמעקט מיט מירט און פייגנבלעטער,
דאָ איז אַלץ ווי אַ וואונדער־מעשה פאַרקלערט.

אַ יונגער רעגן פאַלט,
אין בלויע טענער שפּראָצט דאָ בלאָט נאָך בלאָט,
דער פרילינג עפנט זיינע גרינע ליפּן
און קושט דעם ווינטער־חודש שבט.

אין זונענשטראַלן טובלט זיך דער טאָג,
מיט סאַמעט־ווייכקייט גלעטן די פאַרנאַכטן;
אַ ווינט גיט צווישן די פאַלמען־ביימער זיך אַ טראָג,
און צעשויבערט זייער אוונטדיקן טראַכטן.

אין דיינע בערגיקע און טאָלנדיקע ערטער,
דיין שיינקייט קוועלט און טוט פאַר גאָט זיך פּיעסטען;
אייביקער זומער איז דיין באַשערטער,
לאַנד פון קאַליפאָרניע — חלומות קענען זיך מיט דיר פאַרמעסטן!״

---

## וואָס טוט איר פאַר דעם „חשבון״?

ס׳איז דער חוב פון דעם יידיש־יידישן סעקטאָר אין ל. א. צו שטיצן דעם איינציק יידיש־ליטעראַרישן זשורנאַל ביים פּאַסיפיק.

פילט איר נישט דעם בזיון, אַז אַזאַ גרויסער ישוב ווי ל. א. זאָל נישט האָבן כאָטש איין יידיש־פּראָדישע שריפט?

מלכה ח. טוזמאַן

## צו י. ג.

דער ברונעם איז אינגאַנצן דיינער.
נביאיש געאָנט זיין געמורמל אונטער געלן שטיין
האָסטו מיט הוילע הענט די משא פעלזיקע אַראָפּגעריסן און
סאַ פּליסן!
סאַרא לויטער, לויטער פליסן!

צי איז דיר דעמאָלט קלאָר געווען דערפון
דער מיין?
האָסט אָבער באַלד דערקענט דיין „עלדאָראַדאָ".
דיין האַנט האָט ניט געציטערט ווען
זי האָט דאָרט אריינגעקריצט דיין נאָמען;
מיט אַפּלאָם צעשאַלט האָסטו דיין „קרעדאָ".

דער ברונעם איז אינגאַנצן דיינער.
אין זיין געלייטער שפיגלט זיך דיין בענקשאַפט.
שעפּסט פון דאָרטן פולע עמער
דורותדיק „געדענקשאַפט" וואָס
„יידישלעך דו טייטשסט".

געבייטשט
ניט איינמאָל האָט אַנטקעגן דיר
דער גראַפאָ-אינוואַליד
נאָר איבער דיר האָט אויסגעשפּרייט זיין גוטע האַנט
„דער שטראַלנדיקער ייד".

הינטער דיינע פּלייצעס וויגט זיך שטיל און פרום
„דיין טאַטנס שאָטן";
היט יעדן שלונג דיינעם פון וואונדערלעכן קוואַל
און דו
מאַכסט קידוש אויף איעדן טראָפּן.

דער ברונעם איז אינגאַנצן דיינער —
א מתנה פון זיין ליבן נאָמען.
אַ נאָר וועט יענער זיין וואָס וועט לאָזן זיך אהין.
דער קלוגער וועט פון ווייטן שטיין
און בלויז זאָגן „אָמן".

נח גאָלדבערג

# יעקב גלאַטשטיין און זיין „יאַש"

## (צו זיין זעכציק־יעריקן יובל)

פונקט ווי ס'איז יעדן יונגן שרייבערס וועג שווער, אַזוי איך אויך יעקב גלאַטשטיינס וועג אין דער יידישער ליטעראַטור געווען ניט גאָר קיין גרינגער און גלאַטער, ווי דאָס קען זיך אויסדוכטן פון זיין איצטיקן רום. איבערהויפּט נאָך איז דער אָנהייב זיינער געווען פאַר אים שווער צוליב צוויי אומשולדיקע טעמים: ערשטנס דערפאַר, וואָס ער איז געבענטשט געוואָרן מיט אַ צווייענדיקער מוזע (ער האָט געשריבן סיי לידער און סיי דערציילונגען). אמת, אין די שפּעטערדיקע יאָרן האָט ער „אויסגעבריט" נאָך צוויי, בעסער געזאָגט — נאָך דריי: אַ מוזע פאַר פיינער עסייאיסטיק, און אַ מוזע פאַר אַנאַליטישער קריטיק, און דערצו נאָך אַ מוזע, מיט אַ גילדערנער פען — פאַר זשורנאַליסטיק. צווייטנס, איז זיין וועג געווען דאָרנדיק צוליב נאָך עפּעס, און דער „עפּעס" באַשטייט אין דעם, וואָס גלאַטשטיין איז געווען אַן אָנגעפּראָפּטער מיט טאַלאַנט. און אָפט, שוין אַ ביסל צו אָפט, טרעפט גראָד, אַז וואָס מער איינער פאַרמאָגט דאָס — אַלץ שווערער קומט אים אָן אַריינגענומען צו ווערן אין דער ליטעראַרישער משפּחה . . .

צו דעם אַלעמען, איז ער נאָך פון אָנפאַנג אָן געקומען אַן אַנדערשדיקער, ניט קיין הכנעהדיקער און ניט קיין „שטילער", ווי די מערסטע „יונגע", נאָר אַ טעמפּעראַמענטפולער און אַ „טראַציקער", וואָס איז געווען דער היפּוך פון די אָנגענומענע באַגריפן ביי די עלטערע, יוסטנע שרייבער, וואָס האָבן דאמאָלס פאַרנומען דעם אויבן־אָן. דאָס אַליין איז געווען היפּש „שקאָציש" . . . און מען דערציילט, אַז ניט נאָר גלאַטשטיין, ווי אַן אינדיווידן, איז זיי ניט געווען „צום האַרצן", נאָר זיין עצם שרייבן, די האַלב פאַרשטעלטע רייד, מיט די איינגעצאַמטע טענער, הינטער וועלכע עס האָבן זיך געפונען פאַרבאַהאַלטענע פונקען, וואָס האָבן געהאַלטן אין איופּפּלעמלען — איז זיי ניט געפעלן געווען.

האָבן טאַקע די עלטערע קאָלעגן געהויבן מיט די אַקסלען אויף דעם יונגן, בלאָנד בחורלס סאָרט שרייבן. געוויס איז דאָס געווען צוליב דעם, וואָס דער גאַנצער באַגריף פון דעם „אינזיכיזם" איז נאָך געווען פרעמד דער יידישער ליטעראַטור. דער געדאַנק צו שרייבן לידער אין „אָפּענעם" פערז האָט אויסגעזען „ווילד", כאָטש מיט דער אידייע האָבן זיך שוין געהאַט פאַרנומען, אַחוץ אַנדערע, אויך אַזעלכע דיכטער ווי ליכט, מינקאָוו, מיט זייער רבין, לייעלעס גלאַנץ, בראש.

דאָס איז געווען דער בראשית, און דער דאָזיקער „אינזיכיסטישער" בראשית האָט געוואָלט מיט „שטורעם" איינגעמען אַ פּאָזיציע אין דער יידישער שטילער, פרומער און „רחמנות" פּאָעזיע. פאַרשטייט זיך, אַז די נייע פאָרם האָט זיך נאָך דאמאָלס ניט געלאָזט אַריינגלידערן אינם „ראָמאַנטישן", צי אינם „רחמנות" ליד. זי האָט זיך אפילו ניט געקענט אַריינפּאַסן אין דעם רעוואָלוציאָנערן פּלאַקאַט כדי אָנגענומען צו ווערן אין דעם אַזוי גערופענעם „פּראָלעטאַרישן ליד", וואָס האָט אוודאי ניט געקענט אויסקומען אָן דעם צוגעגראַמטן גראַם — צו זייער טאַראַראַם . . .

אָבער יעקב גלאַטשטיין, וואָס איז, דוכט זיך, געווען דער יינגסטער פון

דער גאַנצער גרופּע „אינזיכיסטן‟, האָט זיך פונדעסטוועגן ניט אָפּגעשראָקן פאַר דעם, וואָס די עלטערע דיכטער האָבן ניט געוואָלט אנערקענען זיין שרייבן און ניט צוגעלאָזט אים צום פּסוק. ער איז דערפון ביי זיך ניט אַראָפּגעפאַלן, אויף קיין איין שפּאַן ניט אָפּגעטראָטן אויף צוריק, און די אויסגעהאַלטנקייט האָט סוף־כל־סוף אויסגעפורעמט דעם פּענאָמען, וואָס הייסט היינט — יעקב גלאַטשטיין.

דעם „קאַמף‟ פאַר פולער אנערקענונג האָט גלאַטשטיין געפירט כמעט ביז צום יאָר 1938, כאָטש אין לויף פון דער צייט האָט שוין דער יונגער דיכטער באַוויזן צו פאַרעפנטלעכן אַזעלכע פיינע ווערק ווי: „יעקב גלאַטשטיין‟, „פּרייע פערזן‟, „קרעדאָס‟ און „יידיש טייטש‟, וואָס האָבן שוין פאַרנומען זייער אָרט אין דער ליטעראַטור. נאָר דאָס האָט דווקא ניט געהייסן, אַז ער האָט „געקעמפט‟ בלויז פאַר זיך אַליין, צי פאַר דער שוין גרויס געוואָרענער גרופּע „אינזיכיסטן‟, נאָר ער האָט זיך הויפּטזעכלעך אָנגענומען פאַר אַלע „יונגע‟, באַ׳עוולה׳טע שרייבער פון יענער צייט, וואָס האָבן ניט געקענט עפענען אַזוי גיך די טיר צום ליטעראַרישן שולחן־ערוך. אָט דער שטריך, דאָס אָננעמען זיך פאַר אַנדערע, אפילו ניט פאַר קיין אינזיכיסטן — איז פאַרבליבן ביי גלאַטשטיינען ביז אויף היינטיקן טאָג. דערפאַר איז ער אפילו ביי די איצטיקע „יונגע‟ פאַררעכנט געוואָרן פאַר אַן אייגענעם מענטשן, צו וועמען מען קוקט אַרויף מיט ליבע און האָפענונג צו הערן אַ גוט־וואָרט פון אים . . .

געוויס האָבן די ערשטע „יונגע‟ פאַר זיין צייט אויך געקעמפט. אָבער גלאַטשטיינס „קאַמף‟ איז ווייט ניט געווען קיין ריין פערזענלעכער. ביי אים האָט דאָס געטראָגן אַן אַנדער כאַראַקטער און געהאַט גאָר אַן אַנדער זין. אים איז ניט אַזוי געגאַנגען אין „אויסקעמפן‟ אַ פּאָזיציע פאַר זיך, ווי אין אַריינברענגען אַ נייעם אָטעם, אַ נייעם הויך, נייע טענער מיט נייע באַגריפן אין דער יידיש־ראָמאַנטישער פּאָעזיע אין אַמעריקע. און אויך אין דעם פּרט איז יעקב גלאַטשטיין פאַרבליבן דער גרעסטער עקשן . . .

פונדעסטוועגן איז מעגלעך, אַז יעקב גלאַטשטיינס רום איז גראָד ניט געקומען דורך זיינע אומצאָליקע לידער און פּאָעמען, נאָר פון זיינע צוויי באַרימטע ביכער פּראָזע „ווען יאָש איז געפאָרן‟—1938, און „ווען יאָש איז געקומען‟—1940. ערשט דאמאָלט האָט זיך זיין נאָמען צעקלונגען, ווי אַ גרויסער, זילבערנער גלאָק אויף אַ הויכן טורעם, וואָס קלינגט נאָך ביז איצט.

איז וואָס זיינען דאָס פאַראַ ווערק, און ווארום זיינען זיי אויפגענומען געוואָרן מיט אַזויפיל ליבע און וואַרעמקייט סיי פון די לייענער און סיי פון דער אָפיציעלער קריטיק אומעטום? די סיפור־המעשה איז דאָ אַ פּשוטע. יעקב גלאַטשטיין פאָרט אויף קבר־אבות קיין לובלין און דערנאָך — אויף צוריק. דאָס איז, דוכט זיך, ניט קיין טעמע. אָבער, ווי נאָר ער באַטרעט דעם אויבער־דעק פון שיף, וואָס „גליטשט זיך אַוועק פון דעם ניו־יאָרקער האַפן‟, עפנט זיך פאַר דעם דיכטער און נאָוועליסט אַ נייע וועלט, אַ וועלט פאַר זיך אַליין. „יאָש‟ טרעפט דאָ געוויס די זעלביקע מענטשן, וואָס אויף דער יבשה, נאָר דאָ אויף דער שיף זיינען זיי פאַרט אַנדערע, שטילערע, באַדאַכטערע. זיי זיינען אפילו אַ סך געפילפולערע און איידעלערע, ווי אויף די גאַסן פון דער גרעסטער שטאָט אויף דער וועלט. „יאָש‟ פירט דאָ דעם לייענער אַריין אין עפּעס אַ פאַרכישופט וועלטל, „וואָס שווימט צווישן הימל און וואַסער‟. דאָס איז אַ וועלטל מיט אייגענע מנהגים,

מיט אייגענע געזעצן און אייגענע אויפפאַסונגען, וואָס האָט גאָרניט צו טאָן מיט די אַנדערע וועלטן אַרום.

יעקב גלאַטשטיין באַוויזט אונדז דאָ פאַרשיידענע טיפּן: מענער און פרויען, מיט וועמען ער ווערט גיך באַפריינדעט און ס'געלינגט אים מיט אַ צוויי צי מיט אַ דריי שטריכן בלויז צו באַווייזן דעם פּנים פון דעם, צי פון יענעם פאַרשוין. אַז יעקב גלאַטשטיין איז אַ גוטער און פלינקער מאלער קאָן מען אַמבעסטן זען ווי „יאַש" מאָלט דעם בעסאַראַביער ייד פון באגאטא, וואָס איז איינער פון די פיינסטע טיפּן אין „ווען יאַש איז געפאָרן":

„אַ הויכער, אַ ברייט־פּלייציקער און מיט אַ ברייט מויל געזונטע ציין, וואָס קאָן צעמאָלן אַ גאַנץ ברויט, מיט לאַנגע שווערע הענט און לאַכנדיקע אויגן" — און איר האָט פאַר זיך אַ לעבעדיקן, געזונטן מענטשן. נאָר אויף צו מאָלן פיזיאָגנאָמיעס פטר'ט ער ניט קיין סך צייט. אים ווילט זיך וואָס גיכער אַראָפּ־טויכן אין די טיפע, פאַרפּלאָנטערטע לאַבירינטן פון זיינע העלדנס נשמות, און דערנאָך — ברענגט ער אַרויף פון דאָרטן פולע זשמעניעס מיט פּלאָנטערס, וואָס ער פלאָנטערט פאַנאַנדער אַזוי געשיקט, ווי מיט עפּעס אַ כישוף־שטעקעלע. אָבער שפּעטער, אין לובלין, איז ער קאפּעלע איינגעהאַלטענער ווי דאָ. דאָרטן קוקט ער אויף אַלץ און אויף אַלעמען אַ ביסעלע לענגער. אין לובלין איז עפּעס אַנדערש. זיינע „העלדן" נעמט ער דורך און דורך, מיט די קלאָרע, דורכדרינגענ־דיקע אויגן. פּונקט ווי „יאַש" וואָלט דאָ וועלן אַריינזאַפּן אין זיך כאָטש נאָך אַ רגע דעם לאַנג פאַרגאַנגענעם נעכטן, וואָס ער ברענגט פאַר אונדז אַזאַ לע־בעדיקן און צאַפּלענדיקן, ווי דער נעכטן וואָלט ערשט היינט, איצט געבוירן געוואָרן.

ס'איז פאַראַן אַן אַנגענומענע מיינונג ביי אַ סך לייענער און אפילו ביי שרייבער גופא, אַז פון די צוויי ווערק: „ווען יאַש איז געפאָרן" און „ווען יאַש איז געקומען" איז דער ערשטער דער בעסטער. שוין גלייך נאָכן דערשיינען האָט מען אים געקרוינט פאַר „קלאַסיש". נאָר ווען מע לייענט איבער „ווען יאַש איז געפאָרן" אַ ביסעלע פאַרזיכטיקער, דערזעט מען, אַז ס'איז ניט אַזוי. אמת, דאָס בוך איז טאַקע אָנגעפּיקעוועט מיט עקזאָטיק, וואָס איז דאמאָלס געווען נאָענט צום האַרצן דעם יונגערן מענטשן, אָבער — דעם לייענער ווייזט זיך אויס, אַז גראָד „ווען יאַש איז געקומען" איז די קרוין פון דער לענגערער דערציילונג, שוין דערמיט אַליין, וואָס „ווען יאַש איז געקומען" איז דורכאויס מער יידישלעך — אַ טיף יידיש ווערק.

מעגלעך אַז דער רושם מיט „ווען יאַש איז געפאָרן" האָט זיך גענומען דער־פון, וואָס ס'איז ביי אַ סך מענטשן ניטאָ קיין גראַדאַציעס אין דער קונסט, און בכלל זיינען יידן עקסטרעמיסטן. אויב אַ ווערק געפעלט, וועלן מיר גלייך זאָגן, אַז „דאָס איז אַ קלאַסיש ווערק". און אויב אַ ווערק פאַרטשעפּעט חלילה ניט אונ־דזערע עמאָציאָנעלע געפילן, וועלן מיר עס זייער גרינג מבטל זיין און זאָגן: „דאָ איז גראַפאָמאַניע" — און דערביי אַפילו ניט אַ פּינטל טאָן מיט אַן אויג. דער לייענער זאָגט דאָס אַנטקעגן דעם, וואָס אים דוכט זיך אַז דער הויפּט רושם האָט גאָר געדאַרפט זיין מיטן בוך „ווען יאַש איז געקומען".

כאָטש „ווען יאַש איז געפאָרן" איז אויך ניט אָבי וואָס פאַראַ ווערק. אויך דאָ וויל גלאַטשטיין באַווייזן, אַז ניט דער אינטעליגענטער ייד פון האָלאַנד און אוודאי ניט דער געלערנטער און פיפיקער דאָקטער פון אַמעריקע, וואָס „פאַר־

כליניעט זיך מיטן מיאוסטן וואָרט״, טראָגט אין זיך אַ פונק יידישקייט, נאָר גראָד דער פּראָסטער בעסעראַביער ייד פון באַגאַטא טראָגט דאָס אין זיך.

גראָד אים, אָט דעם פּראָסטאַק, וואָס שלאָפט מיט מולאַטקעס און דערציילט גאָר ניט קיין פיינע זאַכן וועגן זיי, גראָד דעם בעסעראַביער יידן אַרט שטאַרק, וואָס אין באַגאַטא, וואו ער איז פאַרוואָרפן געוואָרן, מיט נאָך פיר הונדערט יונגע לייט, איז ניטאָ קיין יידיש לעבן. ער באַקלאָגט זיך פאַר יאַשן אַזוי: „ניטאָ דאָרטן קיין סידור, קיין יידישע צייטונג אפילו, קיין יידיש בוך״ — און ניט אַכטנדיק אויף דעם וואָס ער איז אין דער ווייטער באַגאַטא פאַרגרעבט געוואָרן, דאָך שטרענגט ער זיך אָן, בויט אויס אַ שול און קויפט אָפּ אַ שטיקל פלאַץ אויפן פעלד פאַר אַ יידישן בית־עולם.

בכלל מאַכט עס דעם איינדרוק ווי יאַש האָט דאָ, אויפן שיף, מיט אַ כיוון געבראַכט קאָנטראַסטן פון פאַרשיידענע פאַרשוינען, כדי צו באַקרעפטיקן דעם בראַצלעוועטס גלויבן מער אין דעם פּראָסטן, ווי אין דעם געלערנטן און איני־טעלעקטואַל. שפּעטער זאָגט דאָס גלאַטשטיין אַ סך שאַרפער איידער דער שריי־בער פון די שורות, און זאָגן זאָגט ער דאָס אין זיין אויסערגעוויינלעכער פּאָעמע „נתן פאַרשרייב״ דורכן מויל פון רבי נחמן בראַצלעווער:

וואָס זשע באַטייט פאַרט אַ גוטער ייד?\
וואָס פשוטער, וואָס פּראָסטער,\
וואָס קלענער, וואָס וואָרעמער,\
וואָס בעסער,\
וואָס האַרציקער,\
וואָס פרימער,\
מיינט זיין אַ גוטער ייד.

**ציטאַט: „דער בראַצלעווער צו זיין ספר״**\
(אין פון מיין גאַנצער מי, 1957).

און שפּעטער אַ ביסל אין „דאַוונען מנחה״ (פון מיין גאַנצער מי, זייט 178) באַמיט זיך דער בראַצלעווער „אַריינדויבען״ נתנ׳ען אין מוח, אַז אפילו אין דאַוונען איז דער שענסטער דאַוונען גראָד דער פּראָסטער מנחה, און יעקב גלאַטשטיין זינגט דאָס אויס אַזוי:

כ׳וועל דיר מגלה זיין אַ סוד נתן.\
דאַוונען מנחה דאַרף מען קענען.

**און מיט אַ קורצן שפּאַן ווייטער:**

דאַוונען מנחה,\
אַ קלייניקייט אַ ביסל — דאַוונען מנחה.\
נתן, אויב דו שפּירסט נישט\
אַז דו ווערסט ביי זיך אַ ביסל געהויבן,\
דאַוונסטו ניט קיין מנחה.\
דער ניגון איז לויטער פּראָסטקייט.

דעם בטחון אין דעם פשוטן יידן האָט דאָ יעקב גלאַטשטיין דורכגעפירט מיט קינסטלערישער דערפינדנקייט און דורך דעם אָנגענומענעם באַגריף וועגן דעם „פּראָסטן יידן" שיילט זיך אָם קלאָרסטן אַרויס גלאַטשטיינס ליכטיקע געשטאַלט, מיט זיין אייגענעם קוק אויף אונדזער לעבן.

פאַרוואָס האָט פּאַרט דאָך אַזוי אויסגענומען „ווען יאָש איז געפאָרן"? מעגלעך ס'איז געווען דערפאַר, וואָס קיינער האָט זיך ניט געריכט, אַז אַן „אינזיכיסט" און דערצו נאָך „בלויז" אַ דיכטער, זאָל קענען מאָלן „קלאָר" אַזויפיל טיפן פאַר איין מאָל, און געבן אַ גאַנצע גאַלעריע מיט לעבעדיקע מענטשן, וואָס זיינען, לויטן שאַבלאָנעם אויסדרוק, „אָנגעטאָנענע אין בלוט און פליייש". און ס'קען זיין, אַז די הויפּט סיבה דערפון איז דאָס, וואָס צום ערשטן מאָל אין דער יידישער ליטעראַטור האָט דאָ אַ יידישער שריפטשטעלער געניצט דעם זייער חנעוודיקן און אייגנאַרטיקן סטיל פון דזשיימס דזשויס.

וואָס איז דאָס פאַראַ „באַשעפעניש" דער דאָזיקער סטיל? מע רופט אים אָן: דער „קאַלידייאַסקאָפּישער" סטיל. דאָס מיינט ניט מער און ניט ווינציקער, אַז ווען אַ נאָוועליסט באַשרייבט זיין „העלד", קוקט אויף אים, רעדט וועגן אים איין זאַך, דוכט זיך, אָבער אין דער זעלבער צייט גייט דער מחבר אַריין צו זיין „העלד" אין די פאַרבאָרגנסטע קעמערלעך פון זיין נשמה און מאָלט דערוויייל טויזנטער אַנדערע זאַכן און זאַכעלעך, וואָס האָבן צו טאָן מיטן זעלביקן מענטשן, און דער מחבר קערט זיך צום סוף אום צוריק צום הויפּט געדאַנק וועגן וואָס ער האָט לכתחילה אָנגעהויבן ריידן . . .

געוויס מעג מען אויסבאָרגן און צופּאַסן דעם, צי יענעם, פאַרעם. דאָס האָבן, דוכט זיך, געטאָן אַ סך גרויסע שרייבער אין דער וועלט ליטעראַטור. אָבער . . . כדי צו קענען באַהערשן דזשיימס דזשויס'עס אופן פון שרייבן און אָנטאָן אים אין יידישע קליידער, געבן אים אַ יידיש פּנים — אויף דעם דאַרף מען קודם־כל זיין אַליין אויך זייער אַ גרויסער מייסטער. און ווען מע מאַכט די עקסקורסיע מיט „ווען יאָש איז געפאָרן" און מיט „ווען יאָש איז געקומען", און ווען מע כאַפּט דערנאָך אַ דראָבנעם שפּאַציר אין דזשיימס דזשויס'עס דערציילונגען — וואַרפט זיך גלייך אין די אויגן די נאָענטע קרובהשאַפט פון ביידנס מעכטיקע טאַלאַנטן. די דאָזיקע ענלעכקייט קען מען אָם קלאָרסטן זען אין דעם, ווי יעקב גלאַטשטיין באַזינגט זיין שטאָט לובלין אין פּוילן, מיט דער זעלביקער פאַרב און ליבע און נאָך מיט מער און עכטער פּאָעטישער צעשפּילטקייט, ווי דזשיימס דזשויס באַזינגט זיין געבוירן־שטאָט דובלין אין אירלאַנד.

נאָר פון אויבן־אויף קען זיך אויסווייזן, אַז דאָס איז ניט קיין דערציילונג אינעם אָנגענומענעם זינען פון וואָרט. אַז די „צופעליקע טרעפענישן" מיט פאַרשיידענע סאָרטן מענטשן סיי אויף דער שיף און סיי שפּעטער אין לובלין גופא, מיט די מענטשן פון נעכטן, וואָס ווערן אַזוי שיין אַרויסגעבראַכט פון דעם מחבר'ס צעגליטער און צעפליגלטער פאַנטאַזיע, די קורצע עפּיזאָדן, מיט די דראַמאַטישע און אָפט מאָל הומאָריסטישע מאָמענטן — האָבן גאָרניט צו טאָן איינס מיטן אַנדערן. אָבער, דער דערפאַרענער לייענער קען פאַרשטייט זיך גלייך באַמערקן, אַז דער קינסטלער האָט דאָ אַבזיכטלעך צעשפּרענקלט די מאָזאַאיק־פונקען איבערן גאַנצן לייוונט, כדי צום סוף אַרומנעמען אַלע בילדער און בילדערלעך מיט אַ ברייטן, זוניקן רינג, און מאַכן זיי איין גרויסן פּאָרטרעט.

עס איז אוממעגלעך, אין אַ קורצן אַרטיקל, אָפּצושטעלן זיך אויך אויף דעם,

צי אויף יענעם, העלד, אויף דער, צי יענער, סצענע, אויף דעם, אָדער אויף אַן אַנדער קאַפּיטל באַזונדער. איבערהויפּט ווען דאָ האַנדלט זיך וועגן צוויי גרויסע און וויכטיקע ווערק, וואו איין בילד, איין דערציילונג איז שענער פון דער אַנדערער.

נאָר אין „וואָן יאָש איז געקומען" ווערט יעדע מעשה באַזונדער, און אַלע אינאיינעם, געשילדערט מיט אַזאַ קראַפט, מייסטעריש און אַזוי בליציק שנעל, אַז דער לייענער ווערט דאָ אַ טייל, אַ צד. ער ווערט מיטגעריסן מיט די לובלינער יידן, וואָס זיינען אַזוי פאַראַרעמט געוואָרן, אַז זיי האָבן כמעט ניט מיט וואָס דורכצוקומען אַ טאָג. קומען זיי צו דעם „אַמעריקאַנעץ", די געוועזענע גבירים, באַלעבאַטים, און בעטן זיך ביי אים, אַז ווען ער וועט צוריקקומען קיין אַמעריקע, זאָל ער אין „נעוואיאַרק" אויפזוכן זייערן אַ קרוב, וואָס זאָל זיי באַהילפיק זיין אין זייער איצטיקער געפאַלנקייט.

אין דעם פאַנטאַסטישן בינטל־מעשיות וועגן יאָשעס געוועזענע לערער און מלמדים, וואָס גייען דורך פאַר די אויגן ווי אַ פאַרכישופטער רינג, איז פאַראַן אַ דערציילונג, וואָס פאַרנעמט טאַקע ניט מער ווי ניין זייטן, אָבער דאָס איז דער געשליפנסטער דימענט אינם גאַנצן בוך און גייט בשום אופן ניט אַרויס פון געמיט. דאָס איז די פּרעכטיקע דערציילונג וועגן יאָשעס „וועלטלעכן לערער" רבי לוי, וואָס „דער רומאַטיזם איז אים שוין דערגאַנגען צום האַרצן און ער האָלט ביים שטאַרבן". נאָר לאָמיר בעסער לאָזן דעם מחבר אַליין פאַרשטעלן די אויסגעלויטערטע פּערזענלעכקייט, רבי לוי :

„רבי לוי איז געווען אַ נוטה למות. ער איז געלעגן אויפגעזעצט אין בעט, מיט דעם קאָפּ אויף הויכע, אויפגעשטעלטע קישנס. אויף זיין קאָפּ האָט זיך געהאַלטן אַ סאַמעטענע יאַרמעלקע. דאָס פּנים איז געווען געל, אָבער די געלקייט האָט געלויכטן, ווי וואַקסן ליכט. דאָס געלע בערדל איז געווען קורץ און געדיכט און נאַכלעסיק צעוואַקסן. עס איז געווען אַ שטילע און ערלעכע באָרד, וואָס האָט צוגעגעבן דעם גאַנצן פּנים איידעלע תמימות. זיין נאַכט־העמד איז געווען ריין ווי אַ קיטל. גאַנץ אָפט האָט ער אין מיטן ריידן פאַרמאַכט די אויגן, און ער האָט אויסגעזען ווי אַ כהן גדול, וואָס שטאַרבט און איז שוין גרייט זיך צו שטעלן אין די הייליקע בגדים פאַרן באַשעפער. די הענט זיינען געלעגן אויפן איבערבעט ווי רואיקע צווייגן פון אַ שטילן בוים".

„אין שטאָט האָט מען געוואוסט, אַז רבי לוי האַלט ביים שטאַרבן, אָבער מ'האָט גערעדט שטיל און מיט אַ גאָטפאַרכטיק פּנים, ווי מ'רעדט פון אַ גרויסן צדיק, וואָס האַלט ביים נסתלק ווערן". (ביידע ציטאַטן פון זייט 196, ב, ג.)

ביים סאַמע אָנהייב פון דער דערציילונג קען זיך גראָד אויסדוכטן, אַז דער רבי לוי איז ניט מער ווי נאָך איינער פון יאָשעס וועלטלעכע לערער. נאָר באַלד ווייזט זיך גאָר אַרויס, אַז ער איז „פון די גאָר גרויסע צדיקים און אפשר פון די באַהאַלטענע, אין וועמעס שטילן זכות עס האַלט זיך די טומלדיקע און ניט זיכערע וועלט".

רבי לוי האַלט זיך אויף ביי זיין טאַטן אין הויז און :

„ערשט ווען שמעונ'ס זון (רבי לוי) איז שוין געלעגן אין בעט, האָט מען זיך געגומען דערוויסן ווער (רבי לוי) איז אַזוינס. אפילו טאַטע־מאַמע האָבן נישט געוואוסט, וואָס פאַר אַן אוצר מען האָט זיי אָנפאַרטרויט אויף אַ ווייל. לוי איז דאַמאָלס סך־הכל אַלט געווען אַכט און דרייסיק יאָר". (זייט 197, ב, ג.)

די דערציילונג איז דורכגעוועבט מיט פּאָעטישער לויטערקייט און דער־

הויבנקייט. אַרום דעם חולה (ער ליגט ביי זיין טאַטן אין גרעסטן צימער) שטייט אַ פּאַרגליווערטע ניט דאַאיקע שטילקייט. ס׳קומען צום חולה גרויסע רבנים און צדיקים פון דער נאָענט און פון וויטע געגנטן. שטיל זעצן זיי זיך אַוועק און האָבן מורא אַרויסריידן אַ וואָרט. בלויז איין רבי האָט פאַרלוירן דעם קאָנטראָל איבער זיך, אַרויסגעפּלאַצט אין אַ ביטער געוויין און געשריען:

„רבי, רבי לוי, אויף וועמען לאָזטו אונדז איבער...״ (זייט 199, ב, ג.)

און מע דערפילט, אַז אין דער פּאַרגליווערטער לופט האָט זיך פּלוצים אַ באַוועג געטאָן אַ אומזעבאַרער ציטער, וואָס האָט, ווי מיט אַן אייז־קאַלטער האַנט, קוים באַרירט יעדן איינעמס באַק. אין אָט דעם קאַפּיטל רעדט ניט יאַש, נאָר ער זינגט. עס זינגט זיך ביי אים אַ שטילער און פרומער ניגון, אַ ניגון וואָס באַצויבערט און דערמאָנט אין די לעגענדאַרישע ניגונים פון רבי נחמן בראַצלעווער ע״ה.

מע דאַרף זיך בלויז פּאַרטיפן אַ ביסעלע, צולייגן אַן אויער צום ניגון, וואָס צעגייט זיך איבערן האַרצן, און מיטאַמאָל דערפילט מען, אַז מ׳זיצט ניט איבער אַ צוויבער־מעשהלע, נאָר איבער אַ בלאַט גמרא. דער לייענער קען זיך ניט העלפן. אומבאַוואוסטזיניק ווערט ער אויס לייענער, נאָר אַ ישיבה־בחור ערגעץ אין אַ קלויז און ער לערנט און זינגט. ער זינגט און וויינט פון זיך אַרויס דעם טיפן צער פון דעם הייליקן, אַוועקגייענדיקן רבי לוי. אָט די געשטאַלט פון רבי לוי סוגעסטירט אים געטלעכן געשטאַלט פון רבי נחמן בראַצלעווער. ווייל ווער האָט נאָך געקענט טראַכטן אַזוי טיף, זיין אַזוי פריילעך, ריידן אַזוי שיין און אין דער זעלביקער צייט אַזוי אמתדיק וויינען אויפן גורל פונם יידישן פאָלק, ווי רבי נחמן בראַצלעווער?

„ווען יאַש איז געקומען״ וואָלט ניט געגאַנגען ווייטער און בלויז פאַר־ענדיקט זיך מיט דעם וואונדערלעכן קאַפּיטל, וואָלט דער לייענער, מיט ציטער אין די פינגער, פאַרמאַכט דעם לינקן טאַוול פון בוך, אויפגעהויבן אים, ווי אַ פרומער ייד אַ ספר, צו די צוקנדיקע ליפּן און — אים אַ קוש געטאָן.

ערשט דאָ, אין דעם פּערלדיקן קאַפּיטל וועגן דעם פאַרבאַרגענעם צדיק, רבי לוי, דערזעט מען פונוואַנען עס שטאַמט אָפּ יעקב גלאַטשטיינס באַרימטע פּאָעמע „נתן פאַרשרייב״, וואָס ער האָט אַריינגענומען אין זיין זייער שיין אַרויס־געגעבענעם ספר „פון מיין גאַנצער מי״, און דער לייענער קומט צום שלוס, אַז כאָטש דער קינסטלער האָט דאָ געגעוצט דזשיימס דזשויס׳עס סטיל, איז ער אָבער אויף קיין רגע ניט אָפּגעשטאַנען פון רבי נחמן בראַצלעווערס פּוס־טריט, און עס ווערט גוט און זייער גרינג אויף דער נשמה, וואָס אין דער געשטאַלט פון יעקב גלאַטשטיין — איז צום יידישן פאָלק צוגעקומען אַ הייטיקער, אַ מאָ־דערנער רבי נחמן בראַצלעווער, וואָס וועט נאָך לאַנגע יאָרן העלן אין דער וועלט, ווי אַן ערשט אויפגייענדיקע זון.

---

## פריינטלעכע אָפּרופן אויפן נומער 9 „חשבון״

פּראָפ. סאָלאָמאָן קאַהאַן (זע זיין אָפּהאַנדלונג אין דעם נומער) — מלך ראַוויטש — מנשה אונגער — דניאל טשאַרני — א. אלמי — א. לוצקי — דער „לעבעדיקער״, א״א.

# אַ פֿאַרנאַכט אין מדבר

## א

די זון פֿאַרגייט איבער דיינע צעכוואַליעטע זאַמדן,
עס גיבן זיך די הענט באַרג און טאָל;
עס בלאַנדזשעט דיין בליק מיט אַ דורשטיקן קוקן,
מיט וואַסער-הונגער שרייט דיין ווידערקול.

דיינע פֿעלזן אַרום דעמערן ווי אָנגעגליטער קופּער,
יעדער באַרג צום אָוונט-שאָטן הערט זיך איין;
מיט בין-השמשות פֿייער ברענט דיין דאָרן-בוים,
עקשנות ברוגזט אין דיין ווילדן שטיין.

איך נעם אַ הויפֿן זאַמד און לאָז עס מיט די ווינטן,
די אָוונט-זון צעגליט עס אין פּורפּור און אין גאָלד;
אַ הייסער פּחד לויערט אין די בערג אַרום,
ווי אַ שטים צווישן דערנער שעפּטשעט, שעפּטשעט:

— דערקען מיך, דערקען מיך,
ס'איז פֿייער אין מיין יעדן דאָרן,
איך ברען מיט ווילדער בענקשאַפֿט
און ווער אַליין אין מיינע בענקשאַפֿטן פֿאַרלאָרן.

## ב

עס קומט די נאַכט,
זי מאַכט דיר צו די מידע אויגן;
אַ בלויער אָדלער מיט זיינע רויטע פּורפּל-פֿליגל
טוט אַ שאַר מיט אָוונט-בענקשאַפֿט איבער דיר;
אַזוי רוט די נאַכט איבער דיינע גליענדיקע פֿעלזן
און מיט אירע פֿליגל פֿאָכעט, פֿאָכעט, פֿאָכעט — — — —

די נאַכט קומט
און וועקט דעם פֿייער פֿון דיין טראַכטן,
דער ווינט צעקעמט די זאַמדן פֿון דיין וויסט;
עס האָבן וואָגלער דאָ,
פֿאַרכישופֿט פֿון דיין שיינקייט,
זייער לעבן פֿאַרברענט אומזיסט, אומזיסט — — — —

די שטילקייט חלומט,
די שטערן טוקן זיך אין הימל,
אַ ווינטל טוט אַ שפּיל זיך מיט דיין עלנט
און וועקט דעם דורשט פון דיין אויסגעהונגערטן באַגער,
דיין יעדער זעמדעלע שלומערט אין זיין טראַכטן,
און יעדער טראָפּן טוי — אַ צעגליטער טרער.

---

ד"ר ח. מ. ראָטבלאַט

# דער אייביקער קאַמף

(אָפּהאַנדלונג איבער מתתיהו שהם׳ס ווערק „אלהי ברזל לא תעשה לך")

מתתיהו שהם, דער יונג־פאַרשטאָרבענער געניאַלער דיכטער און דראַ־מאַטורג, האָט אָנגעהויבן צו שאַפן נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה און דער דאַמאַלסטיקער אויסגעמאַטערטער און פאַרפייניקטער יידישער וואַרשע, וועלכע האָט נאָך געבלוטיקט פון אירע מלחמה־וואונדן און איר צוקונפט איז געווען שטאַרק פאַרנעפּלט.

די נייע פוילישע מלוכה, וועלכע איז געבאָרן געוואָרן אויף די חורבות פון אַן אָפּשטאַרבנדיקער וועלט דורך די וויי־געשרייען פון כביכול, אַ נייע צאַפּלדיקע וועלט, האָט נאָך ניט געהאַט איר באַשטימטן פּרצוף; עס האָבן זיך אין איר שויס געראַנגלט די כוחות הקדושה פון אַ באַפרייט פאָלק מיט די כוחות הטומאה פון טיף איינגעוואָרצלטע שקלאַפערישע אינסטינקטן; עס האָבן זיך געראַנגלט דער פויער מיט דעם שליאַכטשיץ, דער אַרבעטער מיט דעם מיטלקלאַס איבער אַ שאָטן פון מאַכט און הערשאַפט. אָבער גלייכצייטיק זיינען זיי כמעט געווען פאַראייניקט און זייער אינסטינקטיוון האַס צום ייד . . .

איז דעריבער טאַקע דער פוילישער ייד געשטאַנען נעבעך אַ צעטומלטער אויף די חורבות פון נעכטן און געקוקט מיט פרייד און מיט שרעק אויף דעם ווידערגעבורט פון דער פוילישער מלוכה, און אַ שרעקלעכע פראַגע האָט גע־עגבערט זיין מוח: וואָס דערוואַרט אים אין דער ניי אויפגעלעבטער מדינה? צי וועט ער ניט צעטראָטן ווערן אונטער די פיס פון די ראַנגלענדיקע כוחות? צי וועט ער קענען פאַרזעצן צו שפּינען דעם פאָדים פון זיין קולטור אונטער די נייע באַדינגונגען? צי וועט ניט אויסגיין דאָס צאַנקענדיקע ליכטעלע פון יידישן גייסט אין דער אַטמאָספערע פון שנאה, האַס און שווערד־קולט, וועלכע האָט אַרומגעכאַפּט כמעט אַלע שיכטן און קלאַסן פון פוילישן פאָלק?

יאָרן שפּעטער האָט זיך דער פוילישער ייד באַפרייט פון דעם יאוש׳דיקן קאָשמאַר און האָט עקשנותדיק ממשיך געווען צו שפּינען זיינע קולטור־אוצרות, טראָץ דער ברוטאַלער פאַראַכטונג פון דער אַנטיסעמיטישער ענדעקישער סביבה; און צו להכעיס זיינע פייניקער און אונטערדריקער, האָט זיין קרעאַטיווער גייסט געשטיגן און זיך אַנטפּלעקט אין נייע קולטור־שאַפונגען, וועלכע זיינען געווען אַ המשך און אַ סינטעז פון די אַלטע קולטור־אוצרות . . .

און פלוצים האָט זיך אויפן פּאָליטישן האָריזאָנט באַוויזן אַ נייע צעשטערנ־דיקע מאַכט, וואָס האָט פאַרטונקלט מיט איר ברוטאַלקייט אַלע כוחות הטומאה פון דער וועלט: אשמדאי און לילית האָבן זיך באַפרייט פון זייערע קייטן און האָבן אָנגעהויבן פאַכען מיט דער שווערד איבער דער גאַנצער וועלט; זיי האָבן באַרבאַריש חוצפהדיק פּראָקלאַמירט אַ הייליקן קאַמף קעגן דעם אייביקן „שעיר לעזאזל” פון דער וועלט, קעגן דעם אומבאַשיצטן ייד . . .

היטלער, די חיה בצורת מענטש, האָט דעמאָלט פאַרעפנטלעכט זיין גיפטיק־שמוציק ווערק „מיין קאַמפף”, וועלכעס האָט אויפגעברויזט די בעסטיאַלע אינ־סטינקטן פון דעם דייטשן פאָלק, אין וועמענס בוזים עס ראַנגלען זיך מענטש און בעסטיע פון דור דורות, און קענען זיך ניט באַזיגן . . .

דער גיפטיקער היטלער־האַס צום ייד האָט אַריינגעדרונגען אין די ברייטע שיכטן פון פּוילישן פאָלק, וואָס איז שוין געווען פאַר׳סמ׳ט פונם אַנטיסעמיטיזם־קלעריקאַליזם פון פריער, און די שנאה צום ייד האָט געבושעוועט פראַנק און פריי אין אַלע פּוילישע שטעט און שטעטלעך; גזירות, עקסצעסן, פּאָגראָמען זיינען געווען טאָג־טעגלעכע דערשיינונגען. די רדיפות האָבן אונטערגעגראָבן זיין קוראַזש, זיין מוט און דער פאַרצוויפלונג־קאָשמאַר האָט ווידער פאַרכאַפּט די ברייטע יידישע מאַסן אין פּוילן . . .

אין יענעם פאַרצוויפלטן פּעריאָד, אין די יאָרן תרצ״ג־ד, האָט דער דיכטער מתתיהו שהם פאַרפאַסט זיין סימבאָליש־ביבליש דראַמאַטישע וויזיע „אלהי ברזל לא תעשה לך”, וועלכע איז דערשינען ערשט אין יאָר תרצ״ז, אין וועלכער ער שטעלט אַוועק דעם יידישן פּראָבלעם אין די ראַמען פון אייביקייט, וואו רוים און צייט האָבן ניט קיין שליטה, און פון דער אַלוועלטלעכער הייך ברענגט ער אונדז זיין נביאיש טרייסט־וואָרט, וואָס איז אויסגעשליפן און אויסגעטאָקט מיט קינסט־לערישער טיפקייט.

די דראַמאַטישע וויזיע פון מתתיהו שהם (אויף העברעאיש: חזיון קדומים) סימבאָליזירט דעם אייביקן קאַמף צווישן יידנטום, וואָס איז די פאַרקערפּערונג פון גייסט און היידנטום, די פאַרקערפּערונג פון שווערד.

די גרויסקייט פון מתתיהו שהם׳ס ביבלישע וויזיע באַשטייט, לויט אונדזער מיינונג, אין דעם, וואָס דעם דיכטער האָט זיך אויף אַ זייער געלונגענעם אופן איינגעגעבן צו פאַרוואַנדלען ווירקלעכקייט און וויזיע און זי דערהייבן צו אַזאַ קינסטלערישער הייך, אַז די שפּורן פון ווירקלעכקייט, וואָס זיינען אַזוי בולט צווישן די שורות פון דער דראַמע, ווערן מטושטש אין דער וויזיאָנערישער פאַבולע, און דער לייענער ווערט פאַרכאַפּט פון די גיגאַנטישע פיגורן, וואָס דער דראַמאַטורג האָט אויסגעטאָקט פאַר אים ווי פון מאַרמאָר, און פאַרגעסט אין די טאָג־טעגלעכע פּראָטאָטיפּן און געשטאַלטן, וועלכע האָבן אָנגערעגט און אינספּירירט דעם דיכטער אין זיין שאַפונגס־פּראָצעס.

די וויזיע איז דורכגעדרונגען און דורכגעפלאָכטן מיט אמתן אָריענטאַלישן קאָלאָריט, און איז אָנגעהויכט מיט דעם גייסט פון דער ביבלישער עפּאָכע אין דער צייט פון אַברהמען, און איז אַ הערלעכע פּאַנאָראַמע פון אַלטערטום, פונם מיזרח מיט זיינע גראַנגלענישן און קאַמפן, און דאָך פילט איר אויף טריט און שריט דעם דופק פון דער איצטיקער צייט מיט זיינע בלוטיקע קאָנוואולסיווע גראַנגלענישן. די פאַרגאַנגענהייט און די קעגנוואַרט גיסן זיך האַרמאָניש צו־זאַמען און איר ווערט דורכגעדרונגען מיט דעם אַלטן דעפּיטיסטישן געדאַנק

פון קהלת: „מה שהיה הוא שיהיה, ומה שנעשה הוא שיעמה, ואין כל חדש תחת השמש".

איר ווערט אָבער אויך פֿאַרכאַפּט פון אַ צווייטן האַפּענונגספולן געדאַנק, אַז די אַלע ברוטאַליטעטן און באַרבאַרישקייטן, וואָס מיר זעען אין דער איצטיקער געזעלשאַפט און מיר שרעקן זיך, אַז זיי וועלן אונטערגראָבן די יסודות פון דער ציוויליזאַציע און קולטור, זיינען ניט קיין פּראָדוקט פון אונדזער עפּאָכע, נאָר דאָס איז אַן אייביקער קאַמף צווישן בעסטיאַלישקייט און מענטשלעכקייט, צווישן שווערד און גייסט: אַמאָל זיגט איין צד און אַמאָל דער צווייטער, און „והארץ לעולם עומדת": די רעדער פון מענטשלעכן פּראָגרעס דרייען זיך, דער פּראָטאָ־טיפּ פון דער חיה בצורת מענטש — היטלער מיט זיין סוויטע, אָדער נאָסער, זיינען להבדיל אברהם, דער פּראָטאָטיפּ פון דעם אדם העליון, דער טרעגער פון די העכלעכסטע מענטשלעכע אידעאַלן אין אלע דורות.

די הויפּטפיגורן פון מתתיהו שהמ׳ס ביבליש־דראַמאַטישער וויזיע: „אלהי ברזל לא תעשה לך", זיינען באַקאַנטע ביבלישע פּערזענלעכקייטן: אברהם, שרה, זיין ווייב; הגר, זיין קעבס ווייב; מלכי צדק, דער קעניג פון שלם (ירושלים); לוט, דער שופט פון סדום, און די האַלב לעגענדאַרישע, האַלב ביבלישע פיגור גוג.

די קאַנווע פון דער דראַמאַטישער אַקציע איז די באַוואוסטע תנכ׳ישע דער־ציילונג וועגן דעם קאַמף, וואָס ס׳איז פּאַרגעקומען צווישן די פינף פּאַרשקלאַפטע מלכים מיט זייער פּאַרשקלאַפער כדרלמער; און דעם באַפרייאונגס־קאַמף, וואָס אברהם האָט אָנגעפירט קעגן די פּאַרשקלאַפער און די רויבער פון סדום און עמורה, און זיין הומאַניטאַרע באַציאונג צו די באַפרייטע פון דער טיראַניי פון כדרלעמר.

אין דער דראַמאַטישער אַקציע נעמען אַן אַנטייל, אויסער די היסטאָרישע פּערזענלעכקייטן, ווי: אברהם, מלכי צדק, לוט, אויך די פיקטיווע אָדער האַלב לעגענדאַרע פיגור גוג, וועלכער איז דער היטלער פון דער דאַמאַלסטיקער עפּאָכע, און די הויפּטשלאַכט קומט פאָר צווישן אים און אברהמן. גוג, וועלכער איז אין דער דראַמע אַ קרוב פון אברהמן, איז שטאַרק אויפגעבראַכט קעגן אים צוליב אַ פּערזענלעכער סיבה — ער איז שטאַרק פאַרליבט אין שרהן און זי שטויסט אים אָפּ מיט פאַראַכטונג, און אויך צוליב אַן אידעאַלער סיבה: ער האַסט מיט דער ברוטאַלישקייט פון זיין ווילדער נאַרדישער נשמה די הומאַני־טאַרע אידעאַלן פון אברהמן...

און אַז אברהם האָט זיך אַנטזאָגט פון דעם "כשר" פאַרדינטן חלק רויב, וואָס ער האָט צוגענומען פון כדרלעמר׳ן און גיט דאָס צוריק צו די באַפרייטע פון געפאַנגענשאַפט, צעקאָכט זיך אין גוג׳ן זיין „סופער" נאַרדיש בלוט און פון זיין טיטאַנישער ברוסט רייסט זיך אַרויס אַ מעכטיקער פּראָטעסט קעגן דעם אויך־מיר העלד, אברהמן, וואָס פאַרשוועכט דעם „הייליקן" געזעץ פון די זיגער... זיין מויל שפּריצט מיט גאַל און פאַראַכטונג קעגן די לעמעשקעוואַטע מעשים פון אברהמן, וואָס דעגראַדידט די העלדן־טאַטן פון זיין אַרמיי דורך הומאַניטאַרע מעשים . . .

גוג, דער בלוטיקער שונא פון אברהמס הומאַניטאַרער „לעמעשקייט", פילט אין די טיפעניש פון זיין ברוטאַלער נאַרדישער נשמה, אַז כל זמן ער וועט ניט באַזיגן דעם מיזרח, דעם מקור פון אַלמענטשלעכע אידעאַלן, און כל זמן ירושלים וועט ניט זיין אין זיינע שמוציקע לאַפּעס, איז זיין נצחון ניט קיין אַבסאָלוטער,

און ס'איז דעריבער גאַנץ מעגלעך, אַז סוף כל סוף וועלן זיך אַברהמס הומאַניטאַרע אידעאַלן איינוואָרצלען אין דעם באָדן פון מיזרח און וועלן טריט ביי טריט באַזיגן די בעסטיאַלישקייט פון צפון . . .

ער פאַראייניקט זיך, בכן, מיט דער מיסטישער פיגור (פלאי ג), דער וויסנשאַפטלער פון אַלטערטום, און געמיינזאַם ווערט אויסגעאַרבעט אַ טייוואָלאַ־נישער פאַרניכטונגס־פּראָגראַם קעגן סדום — די פּאַריז פון אַלטערטום; ער שליסט אויך אַ פּאָליטישן שידוך מיט דעם קעניג פון סדום.

און אין דעם טאָג פון גוג'ס חתונה מיט קטורה, די טאָכטער פון קעניג פון סדום, ווערט דורכגעפירט דער פאַררעטערישער פאַרניכטונגס־פּלאַן קעגן סדום. זי ווערט אָפּגעווישט פון דער ערד, אָבער גלייכצייטיק ווערן אויך פאַר־ניכטעט די גרעסטע טיילן פון גוג'ס אַרמיי . .

אויך זיין צווייטער טייוואָלאַנישער פּלאַן: צו פאַרניכטן פּלוצים אברהמס קליינע העלדישע אַרמיי און צו פאַנגען שרהן, גיט זיך אים ניט איין: אברהם גלאָרעפיצירט ניט מלחמה, זיין העכסטער אידעאַל איז שלום, אָבער ווען דער קאַמף ווערט אַ נויטיקייט, קעמפט ער ווי אַ לייב; ער באַזיגט ניט גוג'ן, ווייל ער האָסט ברוטאַלע מאַכט, אָבער גוג'ס מחנות קענען אים ניט באַזיגן. אַלע גוג'ס טייוואָלאַנישע און פאַררעטערישע פּלענער ענדיקן זיך מיט אַ פיאַסקאָ . . .

און ווען גוג'ס מחנות זינגען דאָס האַרסט־ווסל לידל פון דער דאַמאָלסטיקער בלוטיקער עפּאָכע:

„כי יתלע דם עבר חרבכם" — זמרו כבוד גוג בארץ . . ." (ווען עס רויטלט זיך אייער שווערד מיט דעם בלוט פון עבר—ייד, זינגט דעם כבוד פון גוג און דער וועלט).

און גוג ברענענדיק פון נקמה־דורשט ווענדט זיך צו אברהמען מיט דעם רוף: „אברהם, עוד נפגש על ראש כל דרך למועד ולמועדים!" (אברהם, מיר וועלן זיך נאָך באַגעגענען אויפן שפּיץ פון יעדן וועג און באַשטימטע צייטן!„)

ענטפערט אים אברהם מיט אַ קלאָרער מעכטיקער שטימע:

„לא את שם מפניך, גוג, במלוא זמנים!" (איך וועל ניט אַנטלויפן פון דיר אין לויף פון דער צייט).

און ווי אַ נבואישער אויסרוף קלינגען דעם דיכטערס ווערטער אין אונ־דזערע אויערן:

„לא את שם מפניך, גוג, במלוא זמנים!" אין פאַרלויף פון אונדזער געשיכטע האָבן מיר זיך נישט איין מאָל באַגעגנט אין קאַמף מיט גוג'ן, מיר האָבן דעם קאַמף מוטיק אויפגענומען, מיר זיינען נישט באַזיגט געוואָרן, און לאָמיר האָפן, אַז אין אַלע קאַמפן מיט די ברוטאַלסטע גוג'ס פון דער מענטשהייט, וועלן מיר נישט באַזיגט ווערן.

אַחוץ די הויפּט־פיגורן אברהמן, דער פּראָטאָטיפּ פון דעם הומאַניטאַרן קעמפער פאַר גלייכהייט פון אַלע ראַסן, פון אַלע יחידים, דער באַהערשער פון געטלעכן גייסט אין מענטש, דער פאָן־טרעגער פון אַן אַלוועלטלעכן שלום; און אַחוץ גוג'ן, דער פּראָטאָטיפּ און דער שאַפער פון דער נאָרדישער טעאָריע פון דער סופּער־ראַסע, דער פאַרגעטערער פון פיזישער גבורה, דער בלוט־דורשטי־קער וואַנדאַל, דער פאַרשקלאַפער פון נאַציאָנען, דער הענקער פון די מאַסן, זיינען אויך די סעקונדאַרע פיגורן פון דער דראַמע זייער קינסטלעריש געשילדערט.

מלכי צדק איז אַן אויסגעצייכנטער טיפּ פון דעם אייביק געשוואוירענעם

צווייפלער, וועלכער בוקט זיך צו אלע געטשקעס, ווייל ער איז נישט בכוח צו אונטערשיידן צווישן גאָט און, להבדיל, אַ געטשקע: ער איז באַגייסטערט פון אברהמס הומאַניטאַרע אידעאַלן און פון גוג׳ס בלוטדורשט, און ווייסט נישט וועמען צו באַשטימען פאַר דעם יורש פון זיין טראָן . . .

לוט איז דער פאַרשטייער פון דעם געשוואוירענעם רודף־שלומניק, פון יענער עפּאָכע, דער רעפּרעזענטאַנט פון מיטלמעסיקייט און מיטל־קלאַס, אָבער אויך ער ווערט נאָך דעם חורבן פון סדום א גרויסער אַנהענגער פון אברהמס אידעאַלן . . .

די פרויען געשטאַלטן פון דער דראַמע פאַרדינען באַזונדערע אויפמערק־זאַמקייט: שרה, די געטרייע לעבנס־באַגלייטערין פון אברהמן, איז אַ פּראַכט־פולער סימבאָל פון דאָס אייביקע ווייבלעכקייט. זי איז אַ קוואַל פון אינספּיראַציע פאַר אברהמן, און איר ליבע צו אים איז גרענעצלאָז. זי בעט אים, אַז ער זאָל זיך מזדוג זיין מיט הגר׳ן, איר דינסט, מחמת זי האָפט, אַז אויב ער וועט האָבן פון איר אַ קינד, וועט דאָס אים דערמוטיקן אין זיין לעבנס־קאַמף; און אַז הגר, נאָכדעם ווי זי איז שוואַנגער געוואָרן פון אברהמען, באַציט זיך צו איר מאַדאַם טראַציק, חוצפּהדיק און רייצט זיך מיט איר, ליידט שרה שרעקלעך. און צו איר טראַגעדיע איז קיין סוף נישטאָ.

אויך די געשטאַלט פון הגר׳ן איז זייער קינסטלעריש געמאָלן. זי איז דער קעגנזאַץ פון שרהן. זי פאַרגעטערט אויך אברהמן, אָבער דער מקור פון איר פאַרגעטערונג איז מער אַ פיזיש־הערצאישער ווי אַ גייסטיקער, און דעריבער איז איר אומענדלעכע ליבע נישט קיין קוואַל פון אינספּיראַציע פאַר אברהמן.

פּראַכטפול זיינען אויך די צוויי קעגנזעצלעכע פרויען־כאַראַקטערן פון קטורה, די טאָכטער פון קעניג פון סדום, און פון דקלה, די שוועסטער פון גוג׳ן.

קטורה איז אַ פאַרחלומטע אָריענטאַלישע פּרינצעסין, וועלכע איז פאַרליבט אין דער שיינקייט פון איר קערפּער, וועלכער לעכצט און גאַרט נאָך אַ צאַרטע, אידעאַלע ליבע, און דער פּאָליטישער שידוך, וואָס איר פאָטער האָט געשלאָסן מיט דעם ברוטאַל גוג, איז איר ניט צום האַרצן. זי איז פאַרליבט אין דער נאַטור פון מיזרח און אירע מנהגים און צערעמאָנאַלן, און זי פילט אַ נאַטירלעכן אָפּ־שטויס צו דעם נאָרדישן הענקער . . .

דקלה איז אַ טיפּישע שוועסטער פון גוג׳ן, וועלכע גלויבט, אַז די פרויס פונקציע אין דער וועלט איז צו קינדלען, בכדי צוצושטעלן קאַנאָנען־פלייש פאַר די הענקערס. זי לאַכט אָפּט גאַליק פון קטורהס חלומות וועגן ליבע און פאַרגע־טערונג. די פרוי דאַרף, לויט איר מיינונג, זיך פילן גליקלעך, ווען זי ווערט באַצוואונגען און באַהערשט פון מאַן . . .

יטה און דנה, די לייכטזיניקע און זינדיקע טעכטערלעך פון לוט, זיינען אַ שפּיגל פון סדומס אויסגעלאַסנקייט און דערגענצן די אָריענטאַלישע פּאַנאָ־ראַמע, וואָס דער טאַלאַנטפולער דיכטער און דראַמאַטורג מאָלט פאַר אונדז.

די אַרטיסטישע אייגנשאַפטן פון דעם ווערק „אלהי ברזל לא תעשה לך״ זיינען, מחוץ די שוין אויבנדערמאָנטע, פאָלגנדיקע: די דראַמאַטישע אַקציע איז אַ ברויזנדיקע און איז אָנגעפּיקעוועט מיט שטורמישע קאָנפליקטן; די הויפּט־העלדן און די סעקונדאַרע פיגורן זיינען, טראָץ זייער סימבאָלישקייט, לעבעדיקע, אימפּולסיווע כאַראַקטערן און בעטן זיך ממש, אַז זיי זאָלן אַרויסגעבראַכט ווערן אויף דער סצענע. די מאַסנסצענעס פאַרכאַפּן דעם אָטעם מיט זייער ברויזנדיקייט

און דראַמאַטישקייט. די שפּראַך איז ביבליש, פול מיט נביאישן פּאַטאָס, צאַרט, ליריש און אויך, אין פיל פלעצער, פּלאַסטיש־עפּיש.

„אלהי ברזל לא תעשה לך" איז, ווי געזאָגט, אַ סימבאָלישע וויזיע, אין וועלכער ס׳גיסן זיך צוזאַמען קינסטלעריש האַרמאָניש: וויזיע און פילאָזאָפיע, סימבאָליזם און רעאַליזם, דראַמאַטישקייט און עפּישקייט, און ס׳וועט, לויט מיין מיינונג, זיין איינע פון די געציילטע קלאַסישע ווערק אין אונדזער ליטעראַטור.

---

**פּיטנטשע בערמאַן**

## ווער קען הערן די געוויינען

ווער קען הערן די געוויינען
פון אַ בלום אַ ניט־דערבליטע?
ליגט פאַר׳חלש׳ט אין איר קנאָספּע,
און די זון איז אַ צעגליטע . . .

שוועבט אַ מלאך אין די וואָלקנס —
איז זיין האַרץ אים אַ פאַרקלעמטע . . .
איינגעגראָבן אין איר קישן,
וויינט אַ כלה אַ פאַרשעמטע . . .

ווער קען צוזען דעם אומעט
פון אַ ניגון ניט־דערזונגען?
ס׳האָט אַ כוואַליע אַ צעברויזטע
אין אייגן שטורעם זיך דערטרונקען . . .

טראָגט אַ ווינט זיך איבער טאָלן
מיט אַן אָפּגעריסן ניגון,
צו פאַרשלעפערן אין טרוימען
קליינע קינדער אין די וויגן . . .

ווער קען צוזען דעם טרויער
פון אַ ליד אַ ניט־פאַרענדיקט?
שטייט אַ וואַסער־פאַל פאַרהאַלטן
איז זיין אומרו שוין אויף שטענדיק . . .

זיצן פויגלען אין די נעסטן
און זיי זינגען ניט קיין לידער —
אַלע טורעמס זיינען גרונטן,
אַלע הויכן זיינען נידער . . .

ז. בונין

# און אפשר נאָך העכער

מיין זון, —
זאָלסט זיך קיינמאָל ניט מתקנא זיין
אָן דעם,
וואָס זיין השגה, זיין פאַרנעם,
איז אַ באַנק־ביכל צו בלעטערן
און זיין גרעסטער דראַנג —
אויף שטיגן גאָלדענע צו קלעטערן.

אַזאַ איינער,
וועט אפילו צו יעקב׳ס לייטער־הויכן
העכער פון זיין גאַרטל ניט דערגרייכן.

גלויב:
ניט איינמאָל האָב איך
אין אומעט און אין צער
ווי זייד־געוועב דין,
דעראַנט פון לעבנס שענסטן זין.
און דער,
וואָס קען פאַרשטיין
און פילן ווי שווער
עס קען זיין פון אַ בלינדנס אויג אַ טרער —
קען גרייכן ניט נאָר צו די ספערן,
נאָר אפשר העכער נאָך
פונ׳ם העכסטן שטערן!

---

פריינט און לייענער פון „חשבון״: באַנייט אייער אבאָנאמענט־אָפּצאָל! שיקט אַריין די מינימאַלע סומע פון דריי דאָל. צום סעקרעטאַר יעקב זינגער. פאַרשפּאָרט אונדז איבעריקע מי און הוצאות. ווערט אַ מיטבויער פון דעם איינציק יידיש־ליטעראַרישן זשורנאַל אין קאַליפאָרניע.

טוט אייער קולטור חוב! — קומט נישט אָפּ נאָר מיט אייער הסכמה און פרומען וואונטש — אַז ס׳איז זייער נייטיק דאָ אַ שריפט אויף יידיש — באַווייזט עס מיט מעשים!!!

**יעקב זינגער**

# י ו ר ש י ם

(איין־אַקטער)

**פּערזאָנען:**

סעם וועקסלער . . . . . . . 45 יאָר אַלט
איזי וועקסלער . . . . . . 36 יאָר אַלט
דאָרע אייזן . . . . . . . 40 יאָר אַלט
עלקע וועקסלער . . . . . . 32 יאָר אַלט
אַנקל בען, וועקסלער . . . . 65 יאָר אַלט

די האַנדלונג קומט פאָר אין גאַסט־צימער פון די וועקסלער. דער זאַל איז אָנגעפּילט מיט אַלטע און נייע מעבל. ווען דער פאָרהאַנג הייבט זיך אויף, טרעפן מיר די צוויי ברידער, סעם און איזי, זיצן אויף געבעטע שטולן, איינער אַנטקעגן דעם צווייטן. זיי זיינען אין מיטן פון אַ גע־שפּרעך. איזי איז זייער נערוועז. עס איז אין אָוונט.

**סעם:** איך קען ניט פאַרשטיין: דיין לאָיער האָט דיר גאָרנישט גע־זאָגט? . . . האָסט אים כאָטש דערציילט וועגן וואָס עס האַנדלט זיך?

**איזי** (גיט זיך אַ שטעל אויף): דערציילט! דערציילט! וואָס דען, ניט דערציילט?! ער וויס אַלצדינג!

**סעם:** נו? . . .

**איזי:** ער קען גאָרנישט טאָן. (זעצט זיך אַוועק. ביידע זיינען פאַרטראַכט).

**סעם:** האָט ער דיר כאָטש געגעבן אַן עצה וואָס צו טאָן?

**איזי:** כ׳האָב דיר שוין הונדערט מאָל געזאָגט, אַז ער האָט געזאָגט, אַז מיר וועלן גאָרנישט קענען טאָן. די גאַנצע ירושה וועט איבערגיין צו עלקען, ווייל די צוואה איז אַזוי אויסגעמאַכט.

**סעם:** רייד ניט אַזוי הויך! (ער ווייזט אויף דער קיך טיר). זי קען נאָך דערהערן. און בייס ניט די נעגל.

**איזי:** ווער בייסט די נעגל?! זאָג מיר ניט וואָס איך זאָל טאָן! (גייט איבערן צימער פאַרזאָרגט).

**סעם:** מ׳קען דאָך זיין אַ ביסעלע פּראַקטיש. דו ווייסט דאָך, אַז אונזער שוועסטער האָט אַ גוט קעפּעלע אויף זיך. און אויגן האָט זי, אויף אַלע זייטן.

**איזי:** איך גיב דיר קרעדיט. דו האָסט אַלעמאָל געוואוסט וואו אויסצונוצן יענעמס שוואַכקייטן. מיר׳ן זען וואָס פאַר אַ חכם דו וועסט זיין קעגן עלקען. (זעצט זיך, רייכערט אַ סיגאַרעט). און מיט דאַרען ביסטו שוין זיכער?

**סעם:** פאַר דאָרען זאָרג איך זיך ניט. איך בין ביי איר געווען לעצטן זונטיק. זי איז אַלרייט. איך האָב נאָר מורא פאַרן אַנקל . . .

(איזי זיצט און בייסט די נעגל. סעם גייט איבערן צימער פאַרזאָרגט. מיטאַמאָל גיט זיך אַן עפן די קיך טיר. סעם באַגעגענט זיך מיט זיין יינגערער שוועסטער עלקע, פּנים אל פּנים. זי איז אַ שיינע, אינטעלי־גענטע מיידל מיט אַ ליכטיק פּנים. דאָס שוואַרצע קליידל מיט ווייסן קעלנערל מאַכט איר אויסזען איידעלער און יינגער. זי טראָגט אַ טאַץ

אויף וועלכער עס געפינען זיך פלעשער געטראַנקען, גלעזער און אַ שע־
פעלע אייז. ווי נאָר סעם האָט זי דערזען, איז ער געבליבן שטיין מיט
אַ זיסן שמייכל אויף זיינע ליפּן.)

**סעם:** איך זאָג דיר, דו זעסט אויס שענער פון טאָג צו טאָג.

**עלקע:** אַז איך האָב זיך דערוואוסט, אַז עס קומען אַזעלכע געהויבענע געסט ווי מיינע ברידער, מיין שוועסטער און מיין אָנקל, בין איך אויף שנעל געלאָפן אין „ביוטי־פּאַרלאָר". (זי שטעלט אַוועק די טאַץ אויף דעם טישעלע, וואָס שטייט פון פאָרנט פון דער קאנאפּע, און גיסט אָן צוויי גלעזער). ווען ניט די לוויה און איצט די ירושה, וואָלט איך אייך ניט געזען, נאָך צוויי יאָר.

**סעם:** דו ווייסט דאָך: ביזנעס, פאַמיליע, פאַריאָגט. געגוג צרות און עגמת נפש. פרעג שוין ניט.

**עלקע** (דערלאַנגט אים אַ גלאָז): נאַ, טרינק. איך פאַרשטיי. (זי דער־לאַנגט אויך איזין אַ גלאָז).

**איזי:** דו ווייסט דאָך אַז דער דאָקטער האָט מיר פאַרבאָטן צו טרינקען.

**עלקע** (שטעלט צוריק אַוועק דאָס גלאָז): איך ווייס ניט. פון וואַנען זאָל איך וויסן? ביסט דען אַמאָל געקומען געוואויר ווערן וואָס דער טאַטע מאַכט, אָדער צוזאַמענריידן זיך מיט דיין שוועסטער? פון וואַנען זאָל איך וויסן?... אַבי דו האָסט טעלעפאָנירט איין מאָל אַ וואָך און איין מאָל אַ יאָר, האָסטו צו־געשיקט אַ פאָטערס־טאָג פּרעזענט.

**סעם:** ביסט גערעכט. גערעכט. איך קען דיר פאַרזיכערן, אַז פון היינט אָן, וועט זיין אַנדערש.

**איזי:** אַז דו וועסט ניט דאַרפן זיצן לעבן דעם טאַטנס בעט, פיר און צוואַנציק שעה אַ טאָג, וועט זיין אינגאַנצן אַנדערש. מאַלי וויל, אַז זאָלסט קומען זונטיק אויף מיטאָג.

**סעם:** מיין דייוויד וועט זיין אין דער היים פון קאָלעדזש, אין אַ צוויי וואָכן אַרום. וויל איך, אַז דו זאָלסט קומען צו אונדז אויף אַ גאַנצן זונטיק. וועלן מיר פאַרברענגען צוזאַמען.

**עלקע:** מיך וואונדערט וואָס דאָרע איז נאָך ניטאָ. און דער אָנקל. (זי הייבט אָן גיין אין קיך אַריין).

**סעם:** זיי וועלן דאָ אוודאי באַלד זיין. זיץ אַ ווײַלע. מעגסט אַמאָל אויס־ריידן אַ פּאָר ווערטער מיט דיין עלטערן ברודער.

**עלקע** (צו איזין): זאָל איך דיר אַריינברענגען אַ גלאָז מילך?

**סעם:** זעץ זיך אַוועק. ער וויל ניט קיין מילך.

**עלקע** (זעצט זיך. ווענדט זיך צו איזין): דו האָסט זיך נאָך אַלץ ניט אויסגעלערנט צו ריידן פאַר זיך אַליין. סעם מוז נאָך אַלץ ריידן פאַר דיר.

**סעם:** וואָס איז, איך מיין דען שלעכטס פאַר אים?

**עלקע:** אדרבה, איך האָב אַלעמאָל געהאַלטן, אַז דו ביסט דער קליגסטער צווישן אונדז אַלעמען. דו ביסט געראָטן אין טאַטן. (צו איזין): וואָס זאָגט דער דאָקטער?

**איזי:** דערווייל שלינג איך פּילן. און אַלץ וואָס איך האָב ליב, טאָר איך ניט עסן.

**סעם** (צו איזין): אַז מען פילט ניט גוט, רייכערט מען ווייניקער. און, בייס ניט די נעגל!

**איזי** (גיט זיך אַ שטעל אויף, טרויעריק): **ווי לאַנג איז דאָס, ווי די מאַמע, דער טאַטע האָבן געלעבט. שויך, ניטאָ מער!... (זיפצט). אָט, אָ דאָ, פלעג איך זיצן און מאַכן מיין היים אַרבעט... און איצט?...** (גייט איבערן צימער און בלאָזט דעם רויך. ער איז פאַרטרויערט).

(עס קלינגט דאָס גלעקל. עלקע לויפט עפענען די טיר. אָפּ.)

**איזי: איך קען ניט העלפן, אַז איך דערמאָן זיך וועגן דעם טאַטן מיט דער מאַמען...** (ציט מיט די אַקסלען). **איצט זיינען מיר אַליין טאַטעס. איך טראַכט: ווען אונדזערע קינדער האַנדלען צו אונדז ווען עס זאָל חלילה פּאַסירן... איך פיל זייער ניט גוט, סעם...**

**דאָרע** (נאָך פון יענער זייט טיר): **עלקע טייערע, איך האָב דיך שוין אַזוי לאַנג ניט געזען. עס האָט זיך מיר שוין פאַרבענקט נאָך דיר.** (ביידע קומען אַריין. זי לויפט גלייך צו סעמען און נאָכדעם צו איזין, זיך קושן). **און סעם, און איזי, און דאָס הויז, פונקט ווי איך געדענק עס. איך טראַכט אַזויפיל וועגן אייך. איך האָב אַזויפיל געוויינט, וואָס איך האָב ניט געקענט קומען צו דעם טאַטנס לוויה. איך האָב דריי טעג גאַרנישט געגעסן.** (עלקע העלפט איר אויסטאָן דעם מאַנטל).

**איזי: וואָס איז, דו ביסט אויך אויף אַ דיעטע?**

**עלקע: זעץ זיך אַוועק. רו זיך אָפּ אַ ווײַלע.** (זי טראָגט אַוועק דעם מאַנטל צום אַלמער).

**דאָרע** (מאַכט זיך גלייך די האָר. מע דערקענט אַז זי זיינען אָנגעפּאַרבט אויף בלאָנד): **אַך, די זעלבע, אַלטע סאָפע, וואו דער טאַטע האָט מיך געטראָפן זיצן מיט העראַלדן, ווען ער האָט מיך אַהיימגעבראַכט פון אַ ניי־יאָר פּאַרטי. איך בין דאַמאָלט געווען אַזוי גליקלעך.** (גייט איבערן צימער, ווי אויף שטאָלצן). **און איצט, זיינען מיר ווידער צוזאַמען אין דעם טאַטנס הויז, ווי יינגלעך און מיידלעך. נאָר, אונטער אַנדערע אומשטענדן.** (זי זיפצט. אַלץ וואָס זי טוט, זעט מען, אַז דאָס איז אַן אָנשטעל). **אַך, ווי מענטשן בייטן זיך: איך געדענק ווי די צוויי ברידער פלעגן זיך אַרומרייסן. און איצט, ווי צווי טייבעלעך.** (לאַכט מיט אַן אָנשטעל).

**איזי: האָסט פאַרגעסן צוצוגעבן, אַז מיר זיינען פיל עלטער געוואָרן.**

**עלקע** (צו דאָרען): **וועסט עפּעס עסן, צי דו ווילסט זיך פריער אָפּרוען...**

**דאָרע** (איגנאָרירט די פראַגע. פאַרמישט זיך אַ געטראַנק): **איך האָב גאַרנישט געוואוסט אַז עס האַלט אַזוי שמאָל מיטן טאַטען. קיינער האָט מיר גאַרנישט געלאָזט וויסן.** (טרינקט).

**עלקע** (זעצט זיך): **אַז דו האָסט ניט געענטפערט אויף מיינע בריוו, האָב איך מער ניט געפילט ווי צום שרייבן.**

**דאָרע** (זעצט זיך אַוועק מיט אָנשטעל. טרינקט און זיפצט): **מיין געמיט איז געווען באַרואיקט, אַז איך האָב געוואוסט, אַז דו ביסט כאָטש געווען מיטן טאַטן, אין זיינע לעצטע מינוטן. זאָג מיר כאָטש, מיין ליבע שוועסטער, האָט דער טאַטע מיך אַמאָל דערמאָנט?...**

**עלקע: ניין. ער האָט קיינמאָל ניט דערמאָנט דיין נאָמען. זעסטו, סעמען און אַמאָל איזין...**

**דאָרע** (זיפצט): **און איך האָב אַזוי ליב געהאַט דעם טאַטן. ער איז געווען אַזוי גוט צו מיר.**

**עלקע: דו האָסט אים טאַקע אויף אַ פיינעם אופן אַרויסגעוויזן דיין ליבע.**

דאָרע (גיט זיך אַ שטעל אויף): ווי קענסטו זאָגן אַזאַ זאַך צו דיין אייגע־נער שוועסטער? דערפאַר וואָס דו האָסט קיינמאָל ניט חתונה געהאַט, רעדסטו אַזוי. ווען דו וואָלסט געהאַט אַזאַ מאַן ווי איך האָב, מיט צוויי ווילדע יינגלעך, אַ הויז און אַ נאַרישע דינסט, וואָלסטו אויך ניט געהאַט קיין צייט צו שרייבן . . . (זי זיפצט. גייט איבערן צימער מיטן גלאָז אין האַנט).

עלקע: קענסט מיר ניט זאָגן, אַז דו האָסט קיינמאָל ניט געקענט צוקומען מבקר חולה זיין. ווי ווייט איז דאָס, פינף און אַ האַלב שעה רייזע מיט דער באַן?...

סעם: פון איצט אָן וועט זיין אינגאַנצן אַנדערש. איך גיב צו, אַז איך בין אויך שולדיק. געווען צופיל פאַרנומען אין שאַפּ. די אַרבעטער. די יוניאָן. פרעג שוין ניט. דאַרפסט ניט פאַרגעסן אַז איך האָב אויסצוצאָלן הונדערט און אַכציק שכירות, יעדע וואָך. עס מאַכן זיך צייטן, אַז איך ווייס ניט, צי איך לעב אויף דער וועלט.

עלקע: און ניט געקענט אָפּרייסן אַ האַלבע שעה, קומען געוואויר ווערן, וואָס דער טאַטע מאַכט.

סעם: מיר האָבן געוואוסט, אַז מע קען זיך פאַרלאָזן אויף דיר.

עלקע: און צו מיר? וויפל מאָל זייט איר געקומען צו אייער געליבטער שוועסטער, ווי איר רופט מיך איצט? וויפל מאָל זייט איר געקומען זאָגן: עלקע, איך וועל זיצן מיטן טאַטן און דו גיי אין טעאַטער מיט אַ בחור, צי וואָס? אַכט יאָר צייט בין איך געווען אָפּגעשיידט פון דער גאַנצער וועלט. איינע אַליין, מיט אַ פּאַראַליזירטן טאַטן. בלויז אַנקל בען פלעגט קומען, מיך נעמען איינקויפן.

דאָרע: דו ביסט אַליין שולדיק. באַלד אין אָנהייב, האָב איך דיר געזאָגט, זאָלסט אַריינגעמען אַ „נוירס".

עלקע: אוודאי. איך אַליין בין שולדיק, עס איז מיין שולד. ווען איך וואָלט דיך געפאָלגט, וואָלט איר איצט ניט געקענט קומען נאָך קיין ירושה־געלט. איך וואָלט אייך איצט אינגאַנצן ניט זען. אַכט יאָר צייט צאָלן אַ נוירס שכירות און עסן, איז ניט קיין קלייניקייט. (מיט געבעטן) דו, סעם, האָסט אַ פרוי, אַ פאַבריק און אַ זון וואָס גייט אין קאָלעדזש. דו, איזי, האָסט אַ פיין געשעפט, אַ וואוילע פרוי און צוויי פיינע קינדער. דאָרע האָט זיך אויך ניט צו פאַרקלאָגן: פאָרסט אין „רעזאָרט" פלעצער, שפּילט „מאַרזשאַן און ברידזש". וואָס האָב איך? די צוויי קינדער, וואָס מיסעס גיטלין האָט פון טשאַרלי, האָבן געקענט זיין מיינע. איך האָב אויך געקענט האָבן אַ מאַן און אַלץ צי וואָס אַ פרוי שטרעבט. (צו דאָרען): אָ, דו וועסט קיינמאָל ניט פאַרשטיין. דו ביסט אַלעמאָל געווען עגאָ־איסטיש. בלויז פאַר זיך אַליין.

דאָרע: ביסט אַזוי שטאַרק געווען פאַרנומען מיטן טאַטן, ווי קומט עס, וואָס דו ווייסט אַלץ וואָס ביי אונדז טוט זיך? . . . (זי זעצט זיך אַוועק בייז).

עלקע: ווייל איך בין אַ שוועסטער. איך אינטערעסיר מיך צו וויסן וואָס עס טוט זיך ביי אייך.

דאָרע: איך קען דיר פאַרזיכערן, אַז איך פאָר ניט אין די רעזאָרט פלע־צער פון פאַרגעניגן ווערן. ס'איז ניטאָ וואָס מיך מקנא צו זיין. מיין דאָקטער זאָגט, אַז איך בין זייער נערוועז. קיינער גלויבט מיר ניט. אפילו מיין אייגענער מאַן גלויבט ניט.

איזי: איך פיל דיר מיט, עלקע. איצט זע איך, וואָס פאַר אַ שלעכטער

ברודער איך בין געווען. איך וועל פּרובירן אַלץ טאָן, כּדי צו פאַרריכטן מיינע טעותן.

סעם: נו טאַקע, עלקע, צו וואָס אויפמישן אַלטע עבירות. וואָס ס'איז אַוועק, קען מען ניט צוריקכאַפּן.

עלקע: איך וויל איר זאָלט מיך פאַרשטיין: איך באַדויער ניט, איך האָב ניט קיין חרטה וואָס איך האָב געטאָן פאַרן טאַטן. איך קען איצט ריידן מיט אַ רואיק געוויסן, ווייל איך האָב געטאָן אַלץ, וואָס אַ קינד דאַרף טאָן. באַ־דויערן דאַרפט איר. ספּעציעל סעם: דער עלטסטער און דאַרע . . .

דאַרע: וואָס האָב איך געזאָלט טאָן? ברענגען צו שלעפּן אַ חתן צו דיר? ווען טשאַרלי גיטלין וואָלט געווען פאַרליבט, וואָלט ער געוואַרט.

סעם (פאַלט אַריין אין די רייד): האָסט דאָך געהערט וואָס איזי האָט געזאָגט עלקע. מיר וועלן אַלע פּרובירן פאַרריכטן די טעותן. וואָס נאָך קען מען דיר זאָגן?

דאַרע (אויפגערעגט): איך זע שוין ווי זי צילט: זי וועט אַזוי לאַנג ריידן, ביז די גאַנצע ירושה וועט בלייבן ביי איר. איך קען מיין שוועסטערל זייער גוט. זי האָט געהאַט גענוג צייט איינצוריידן דעם טאַטן, אַז ער זאָל אַלץ אָנשרייבן אויף איר נאָמען. צו די ברידער): וואָן זיינען מיר געווען?! אוי גאָט!!! (צו עלקען): עס וועט ניט גיין, עלקע עס וועט ניט גיין, זאָג איך!

איזי: וואָס שרייסטו אַזוי, דאַרע?! וואָס דאַרפסטו שרייען?!

דאַרע: איך שריי? . . . מיינע נערוון שרייען. ווען זי וואָלט געהאַט אַ ביסל רחמנות אויף איר עלטערער שוועסטער, וואָלט זי מיר ניט אויסגעגעסן דאָס האַרץ. ס'איז אַלרייט! איך וועל איר דאָס קיינמאָל ניט פאַרגעבן. (ווישט די אויגן מיט אַ טיכעלע).

סעם: דאַרע, שרייען און וויינען, וועלן ניט בייטן די לאַגע. באַרואיק זיך...

דאַרע: ווען דו וואָלסט געווען אַ געטרייע שוועסטער, וואָלסטו געזאָגט: ברידער, שוועסטער, כאָטש דער טאַטע האָט אָנגעשריבן די גאַנצע צוואה אויף מיר, וויל איך ניט זיין די איינציקע. לאָמיר זי צעטיילן, גלייך אויף גלייך. אַלץ וואָלט געווען שטיל און שיין. ווי אמתע שוועסטער און ברידער. (מיט אַ געבייזער): ניין! וויל זי דאָך ביידע זאַכן: אי די גאַנצע ירושה וואָס זי האָט צוגערעדט דעם קראַנקן טאַטן צו שרייבן, ווען ער האָט זיך ניט געקענט העלפן און מיר זאָלן אַלע צושטימען צו דעם. (גיט זיך אַ שטעל אויף צו עלקען). מיט מיר ביסטו נאָך ניט פאַרטיק, שוועסטערל! (זעצט זיך צוריק און וויינט). דער דאָקטער האָט געזאָגט אַז איך וועל אפשר דאַרפן אַן אָפּעראַציע. איך ווייס ניט, וואו איך וועל נעמען געלט. איך זאָג קיינעם ניט. איך קרעכץ ניט און וויין ניט, ווי אַנדערע פרויען. (צו סעמען ווייַנענדיק). ווי אַזוי זי רעדט, וועט מען נאָך איר דאַרפן צוצאָלן . . . (מאַכט גלייך דאָס קלייד, די האָר און ווישט די אויגן).

עלקע: דאָס מיין איך טאַקע.

דאַרע (זייער אויפגערעגט): הערסט, סעם?! . . . צו עלקען). אפשר ווילסטו אַז איך זאָל דיר אַוועקגעבן מיין מאַן אויך?! קענסט אים האָבן! ער איז אַלץ איינס ניט קיין מאַן! . . .

סעם: דאַרע, הער זיך אויף קאָכן! און דו עלקע, איך גלויב, אַז דו מאַכסט זיך נאַריש.

עלקע: איך מאַך מיך ניט נאַריש. דאָרע האָט אַרויסגענומען די ווערטער פון מיין מויל.

סעם (אויפגערעגט. ער האַלט זיך אָבער איין): אויב דו מיינסט אויף אַן אמת וואָס דו זאָגסט, וואונדערט מיך שטאַרק אויף דיר. דו ווייסט, אַז אַזעלכע זאַכן זיינען נאָך ניט פאַרגעקומען.

איזי: מיין קאָפּ באַנעמט ניט אַזוי לייכט. אפשר קענסטו מיר דערקלערן, וואָס דו מיינסט, עלקע?

דאָרע: זי מיינט וואָס זי זאָגט. לאָז עס איבער צו אונדזער שוועסטערל. זי האָט אַ גוט קעפּעלע.

סעם: און דו, זינט דו האָסט איבערגעטראָטן די שוועל, האַלסטו זיך אין איין קריגן מיט איר.

דאָרע: ווער, איך? איך האָב דאָך גאָרנישט געזאָגט. פאַרקערט . . .

איזי: זי איז דאָך געווען די איינציקע, וואָס האָט אַלץ אויפגעגעבן צוליבן טאַטן.

דאָרע: גיב איר נאָר ניט דעם גאַנצן קרעדיט. ווען איך וואָלט ניט געהאַט קיין מאַן, וואָלט איך עס אויך געטאָן. איך האָב אַזוי שטאַרק ליב געהאַט דעם טאַטן!

סעם (צו עלקען, וואָס איז נאָר וואָס אַריינגעקומען מיט אַ גלאָז מילך): אַז דו וואָלסט אויפגעהערט אַרומלויפן, וואָלטן מיר געקענט ריידן אַ פּאָר ווערטער.

איזי (טרינקט די מילך און רעדט צו עלקען): נו, טאַקע. קענסט זיך ניט אָוועקזעצן אויף אַ פּאָר מינוט, אַז מיר זאָלן קענען ריידן רואיק, ווי שוועסטער און ברידער?

עלקע (זעצט זיך): שוין, איך בין פאַרטיק.

סעם (צו עלקען): איך און איזי ריידן וועגן גוטמאַכן די טעותן. ווי דו אָבער רעדסט, וועלן מיר ווידער זיין צעריסן. איך וויל דיר נאָר באַווייזן . . .

עלקע (פאַלט אַריין אין די רייד): דו ווילסט מיר באַווייזן, אַז איך זאָל האַנדלען אַזוי ווי עס וועט זיך לוינען פאַר דיר. איך ווייס. איך ווייס.

סעם (צו עלקען): אַלרייט! אַלרייט! לאָמיר הערן וואָס דו שלאָגסט פאָר?

עלקע: איך וויל דאָס, וואָס יעדער מענטש וויל: אַ ביסעלע פרייד אין לעבן. ביז איצט האָב איך דאָס ניט געהאַט.

איזי: די ירושה איז מיר שוין דערגאַנגען, ביז דאַנען. (ווייזט אויפן האַלדז).

עלקע: דערפאַר וואָס איך בין געווען די ייִנגסטע צווישן אייך, האָט איר מיך קיינמאָל ניט געלאָזט אויפהייבן דעם קאָפּ. ווען איך האָב אָנגעהויבן גיין אין קאָלעדזש, האָט איר אַלע געלאַכט פון מיר. ווען איך האָב פּראַקטיצירט אויף דער פּיאַנע, האָט איר געטומלט און געליאַרעמט. ווען איך האָב אָנגעהויבן פאַרדינען געלט, האָט מיר סעם ניט פאַרגונען. ער האָט איינגערעדט דעם טאַטן, אַז איך זאָל צאָלן אין הויז. ווען טשאַרלי פלעגט אַריינקומען צו מיר, פלעגט דאָרע אַלעמאָל ריידן אויף מיר. ווען די מאַמע איז געשטאָרבן, עס איז ניט געווען ווער עס זאָל אויפפּאַסן אויפן טאַטן, האָט איר זיך אַלע פאַרלייגט אויף מיר. אַז איך זאָל אויפגעבן די שטעל און אַכטונג געבן אויפן טאַטן, ווייל איך בין די ייִנגסטע און בין ניט פאַרהייראַט. איך האָב צוליב אייך פאַרלוירן דעם מאַן, וועמען איך האָב ליב געהאַט . . . איך קען אויסרעכענען נאָך אַ סך פאַלן, ווי איר האָט מיך ניט געלאָזט אויפהייבן דעם קאָפּ. איצט, האָב איך באַשלאָסן, וואָס עס זאָל

מיך ניט קאָסטן, ווייל איך אויספירן דאָס מייניקע. מיך אַרט אפילו ניט וואָס איר קלייבט זיך צו טאָן. איר קענט מיר מער ניט איינריידן. מיך וועלן ניט אָפּשרעקן, ניט קיין דזשוריס און ניט קיין אַדוואָקאַטן. עס וועט זיין, ווי איך וועל באַשטימען.

דאָרע: אַ מויל מיין שוועסטער האָט דאָס. איך ווייס ניט אין וועמען זי איז געראָטן . . .

עס קלינקט דאָס גלעקל. עלקע לויפט אַרויס אין קאָרידאָר. אַלע אין צימער זיצן שטיל. מע הערט פון קאָרידאָר ווי עלקע זאָגט: „יאָ, אָנקל, אַלע זיינען דאָ. מיר וואַרטן שוין אַזוי לאַנג אויף אייך. ביידע, עלקע און דער אָנקל, קומען אַריין. דער אָנקל בלייבט שטיין ביי דער טיר. ער גלייכט אויס זיין רוקן. ער באַטראַכט אַלעמען. עלקע לויפט פאַר־מישן אַ געטראַנק פאַרן אָנקל.

אָנקל: נו, האַלאָ . . . וואָס זיצט איר מיט אַראָפּגעלאָזענע קעפּ, האַ ?... די שיפן זיינען אייך אונטערגעגאַנגען ? צי איר האָט ניט קיין מצות אויף פּסח ?...

אַלע: האַלאָ, אָנקל. האַלאָ אָנקל בען. האַלאָ אָנקל . . .

עלקע (דערלאַנגט אים אַ גלאָז סקאָטש און סאָדע): זיצט, אָנקל. דאָס איז ספּעציעל פאַר אייך. איך ווייס שוין וואָס איר האָט ליב.

אָנקל (זעצט זיך. טרינקט. באַטראַכט אַלעמען מיט אַ שמייכל): איר האָט דאָך מיך ניט גערופן צו טרינקען אַ לחיים, האַ ? . . . שוין ווידער צרות ? . . .

דאָרע: זי וויל זיך ניט צעטיילן מיט דער ירושה.

אָנקל (בייז): אַזוי. נאָך אַלץ די ירושה. עס איז מיר שוין ניט גוט פון דער ירושה. טאַטעס וואָס קלייבן זיך איבערצולאָזן ירושות זאָלן קיינמאָל ניט שטאַרבן! אַ חורבן! (זיפצט) כ׳האָב פאַרשטאַנען אַז איר רופט מיך ניט צו קיין „טוירקי דינער". כ׳האָב פאַרשטאַנען.

עלקע (שטעלט זיך אויף): איך גיי צוגרייטן עפּעס עסן פאַר אַלעמען.

אָנקל (באַפעלעריש): ביין! זיץ! היינט! איצט וועלן מיר מאַכן אַ סוף צו די קריגערייען! ברידער און שוועסטער, וואָס וועלן שוין באַלד זיין זיידעס און באָבעס, קריגן זיך נאָך אַלץ אַרום ווי קליינע קינדער. מע קען זיך גאָרנישט צעטיילן מיט דעם טאַטנס ירושה. וואָס איז, סעם, עס פעלט דיר אויף פּרנסה? און דו, איזי, מאַכסט ניט קיין לעבן ? און דו, דאָרע, דיין מאַן דאַרף נעבעך אַ גמילת חסד ? . . .

דאָרע: ווען זי וואָלט געווען אַ געטרייע שוועסטער . . .

אָנקל: און דו ביסט דאָס אַזאַ געטרייע שוועסטער ? . . .

סעם: אָנקל בען, עס האַנדלט זיך ניט וועגן געלט. איר ווייסט אַז איך קען אַרויסנעמען עטלעכע טויזנט טאָלער, פאַר אַ וואוילטעטיקן צוועק. דאָ האַנדלט זיך וועגן פּרינציפּ.

אָנקל: אַזוי! פּרינציפּ! פון ווען אָן ביסטו דאָס געוואָרן אַזאַ פּרינצי־פּיעלער מענטש ?

איזי: מיר זיינען ניט אַהערגעקומען עמיצן שלעכטס צו טאָן . . .

אָנקל: איך ווייס. איך ווייס. איר קושט זיך אין די פּיסקלעך. בלויז אייך איינציק מאָל האָט איר געזאָגט קדיש נאָכן טאַטן, און איצט זייט איר געקומען איינמאָנען די ירושה. מ׳זאָגט אַז די טויטע זיינען קלוגער ווי די לעבעדיקע. מע הייסט אונדז אַלעמאָל נעמען אַ ביישפּיל פון די פאַרגאַנגענע דורות. ווען

דער טאַטע אייערער וואָלט געוועזן קלוג און אַוועקגעגעבן זיין פאַרמעגן פאַר אַ גוטן צוועק, וואָלט מער מצווה געווען. ארץ ישראל בייטיקט זיך מער אין די פּאַר טאָלער, ווי איר . . . און דו, עלקע, גלויבסט ניט, אַז דו ווילסט אַראָפּשלינגען אַ צו גרויסן ביסן? אמת, דער טאַטע האָט טאַקע אָנגעשריבן די צוואה אויף דיר. לאָמיר שוין זאָגן, אַז דער טאַטע דיינער איז געווען גערעכט. ביסטו אויך זיכער, אַז דו האַנדלסט ריכטיק? . . . מוזן טאַקע שוועסטער און ברידער ווערן דם שונאים צוליב דעם גאָלדענעם קאַלב? ספּעציעל, ווען אַלע האָבן, ברוך השם, גאַנץ שיין פרנסה. וויפל מאָל דאַרף איך ריידן צו אייך וועגן דעם? . . .

עלקע: איך בין מיד, אַנקל בען. דער קאָפּ איז מיר דול פון די קריגערייען און זידלערייען. ווען איך וואָלט ניט געטראַכט וועגן מיינע ברידער און שוועסטער, וואָלט איך אַנדערש געהאַנדלט. צעוויינט זיך). נאָר מע קריגט זיך און מע זידלט זיך. איך האָב עפּעס געוואָלט זאָגן, נאָר איך קען מיך ניט דערשלאָגן צום וואָרט. (וויינט און שלוקעכצט).

דאָרע: הערסט, זי איז נאָך גערעכט . . .

אַנקל: נו, געבוג געוויינט, גענוג. באַרויקט זיך אַלע. לאָמיר הערן וואָס עלקע וויל זאָגן.

עלקע (עס איז שטיל. דאָרע מאַכט זיך אַ קאָקטייל און פאַררייכערט אַ סיגאַרעט. איזי פאַררייכערט אויך, און סעם צינדט אָן זיין שטיקל ציגאַר. דער אַנקל גיט אַ זופּ פון זיין גלאָז, און עלכע ווישט אויס די אויגן. זי באַטראַכט אַלעמען און הייבט אָן פאַמעלעך: דער טאַטע האָט ניט איבערגעלאָזן אַזאַ פאַרמעגן, ווי איר שטעלט זיך פאָר. ס'איז איינגאַנצן געבליבן צווישן פינף און דרייסיק און אַכט און דרייסיק טויזנט טאָלער. דאָקטוירים, מעדיצינען, עסן און „טעקסעס" און „מאָרטגעדזשעס". אַפילו אַ ברונעם שעפּט זיך אויך אויס. איך וועל אייך געבן די צוואה מיט אַלע פּאַפּירן. איר וועט קענען אַלץ נאָכקאָנטראָלירן. איך זאָג, צו טאָן אַ ריכטיקע זאַך, איז זייער לייכט. מע דאַרף נאָר וועלן. איך גלויב, אַז דאָס לעבן באַשטייט פון מער ווי געבוירן ווערן, עסן און שטאַרבן. מיינע ברידער פילן איצט, אַז זיי האָבן ניט ריכטיק געהאַנדלט צו טאַטע-מאַמע. זיי ווילן דאָס פאַרריכטן, מיט בייטן זייער באַציאונג צו מיר. דאָס איז זייער נאָבל. איך גלויב אָבער, אַז מיר זיינען שולדיק דעם טאַטן מיט דער מאַמען אַ מאָראַלישן חוב. איצט קענען מיר דאָס אָפּצאָלן. פון דעם געלט וויל איך קיין איין פּעני ניט. איך וויל בלויז, ווי סעם שלאָגט פאָר, די דירה, אַז איך זאָל האָבן וואו צו וואוינען. איך וויל, אַז סעם, דער עלטסטער און רייכסטער, זאָל צולייגן אַכט טויזנט צו די פינף און דרייסיק. איזי פינף און דאָרע דריי טויזנט. דאָס וועט אויסמאַכן אַרום פופציק טויזנט טאָלער. מיט דעם געלט זאָלן מיר אויפבויען אַ לאַבאָראַטאָריע, צי אַ שפּיטאָל, אין ארץ ישראל אויף דעם נאָמען פון טאַטע-מאַמע. (עס איז שטיל אַ ווייל. אַלע וואַרטן אויפן אַנקל. זען וואָס ער וועט זאָגן. זי קוקט אויף אַלעמען). אויב מיין פּלאַן געפעלט אייך ניט, זאָג איך אייך אין פאָראויס, אַז איך וועל טאָן מיט דער ירושה ווי עס שטייט געשריבן אין דער צוואה.

אַנקל (טרינקט אויס דאָס איבעריקע פון גלאָז. באַטראַכט אַלעמענס פּנימער): וואָס זאָל איך דיר זאָגן, עלקע? אַ גרויסע זאַך. אַ גרויסער געדאַנק. דו ביסט ניט בלויז אַ גוטע, נאָר אויך אַ קלוגע. אויב דו האָסט שוין יאָ געהאַט אַזאַ גוטן איינפאַל, וויל איך דיך פרעגן: אַז איך זאָל וועלן צולייגן אַ פינגער, ווערסטו מיך לאָזן? (ער שמייכלט). ווייסט דאָך, וואָס מער, איז בעסער.

עלקע (שמייכלט): דאָס וועט זיין מיין גרעסטע סאַטיספאַקציע.

איזי (קוקט אויף סעמען): צוליב זיבן טויזנט שמאַלאַרעס האָבן מיר זיך געדאַרפט אַזוי קריגן? מיר געפעלט עלקעס פּלאַן.

סעם (עס איז שטיל. ער קוקט אויף אַלעמען. מיטאַמאָל): אַז מיר האָבן שוין יאָ אַזאַ קלוגע שוועסטער, וועל איך אייך זאָגן אַ בעסערע זאַך: איך וועל געבן צען טויזנט, נאָר מיט איין באַדינג: מיין פרוי, די פּרעזידענטין פון דער הדסה, זאָל פּרעזענטירן דעם טשעק. איך וועל טאָן נאָך עפּעס — איך וועל פאַר־בעטן צו מיר אין הויז אַריין אַ צאָל געסט, וואו מע וועט קענען שאַפן נאָך עט־לעכע טויזנט טאָלער. איך וועל אויך ריידן מיט דאַרעס מאַן, אַז ער זאָל געבן פינף, אנשטאָט דריי טויזנט . . . וואָס זאָגסטו צו דיין שלעכטן ברודער, עלקע? . . .

דאַרע: איך דאַרף ניט קיין שלוחים. איך קען אַליין ריידן מיט מיין מאַן . . .

אַנקל: זעסט, סעם, אַלץ איז גוט און פיין. אָבער עס טויג ניט. נו, טאַקע, אַז דו ביסט שוין יאָ אַזוי ברייטהאַרציק און קלוג, פאַרוואָס ניט ביידע שווע־גערינס? איזיס ווייב איז דאָך אויך אַ פּרעזידענטין. און עלקע, זי איז דאָך אויך אַ טאַטנס אַ קינד. זעסט, סעם, ווען דו, אַלס בכור, מאַכסט אַז אַלע פיר שווע־גערינס זאָלן אַרבעטן פאַר איין און דעם זעלבן ציל. דאַמאָלס, וועט זיין שלום אין דער משפחה. (ער שטעלט זיך אויף). דו פאַרשטייסט, שלום. שלום איז אַ גרויסע זאַך.

(אַלע שטעלן זיך אויף. בעת דער אַנקל זאָגט: שלום, שלום, שלום. לאָזט זיך די פאַרהאַנג אַרונטער פּאַמעלעך.)

---

יצחק ניומאַן

# פיר אַפּאָקריפן

(המשך פון נומער 9)

פון אַלע אַפּאָקריפישע ספרים צייכענען זיך באַזונדערס אויס: „יובלות", „צוועלף שבטים", „חכמת שלמה" און „בן סירא". זייער פּאָעזיע ווי די פּראָזע האָבן איין רעליגיעז נאַציאָנאַלן כאַראַקטער. זייערע מאָטיוון באַצוועקן אויפצו־קלערן די אַרומיקע ניט־יידישע פעלקער די אַנדערשקייט און אייגנאַרטיקייט פון יידנטום. איינצייטיק שטרעבן זיי אָנווייזן די יידן פון דער דיאַספּאָרע די וויכטיקייט פון אָפּהיטן די מנהגים און מצוות, די רייכע ירושה פון אונדזערע עלטערן; באַפעסטיקן דעם גלויבן אין איין גאָט, פאַרקערפּערט אין „שמע ישראל" און דעם גלויבן אין המשך פאַראייביקט אין „נצח ישראל", ווי אויך אָנהאַלטן די שבועה „אם לא אשכך ירושלים" (איך וועל דיך ניט פאַרגעסן ירושלים".

דער ספר „יובלות" איז רייך אין חכמה און וויסן. ער איז פול מיט פּירושים פון דברי הלכה אין שייכות מיט שבת און ימים טובים. עס ווערט אין אים דערציילט די געשיכטע פון די אבות פון אדם און נח ביז אברהם, יצחק און יעקב און זיינע קינדער די שבטים. די תקופות ווערן איינגעטיילט אין שמיטות און יובלות, און די דינים און מצוות פון דער תורה אין צוויי קאַטעגאָריעס:

אַזעלכע וואָס ענדערן זיך און אַזעלכע וואָס ענדערן זיך ניט, נאָר עקזיסטירן אייביק. דאָס זיינען די ימים טובים, ביי וועלכע עס שטייט: „חוקות עולם לדורותיכם” (אַ וועלט געזעץ פאַר אייביק). זייערע מנהגים זיינען מצוות: לבן זאָגט צו יעקבן: „לא יעשו זאת במקומנו לתת הצעורה לפני הבכירה” (עס פירט זיך ניט אַזוי ביי אונדז צו געבן אַ יונגערע פאַר דער עלטערער).

עס איז מערקווירדיק ווי דער מחבר באַהאַנדלט דעם ענין שבת. ער מאַכט ניט קיין חילוק צווישן אַ לייכטער עברה און אַ שווערער. פאַר אַלע עברות קומט אַ גלייכע שטראָף. דאָס באַווייזט, אַז דער מחבר איז נוטה צו די צדוקים, וואָס האָבן געהאַט ווייניק איינזעעניש פאַר די באַציאונגען פון מענטש צו מענטש. אויך איז זייער קאָנצעפּט פון פרייען ווילן אַנדערש ווי דער פון די פּרושים, וועלכע האָבן געלערנט, אַז די געטלעכע השגחה איז איבער אַלעמען, אָבער דער מענטש איז פריי צו האַנדלען.

דער ספר „צוועלף שבטים” אָדער „יעקב'ס צוואה” האָט פיל דרוש און דיברי מוסר.

די געלערנטע: פילאָן, ד"ר גאַסטער און כהנא, זיינען מסולג וועגן צייט און אָרט פון דאָזיקן בוך, פון וועלכן קריסטלעכע טעאָלאָגן האָבן אויסגעבאָרגט עכטע יידישע אויסדרוקן און געבאָטן, ווי „אהבת ד' ”, „ואהבת לרעך”, און האָבן עס אַריבערגעפירט אין זייער תורה, אין דעם נייעם טעסטאַמענט.

די „צוועלף שבטים” איז רייך אין לעגענדן און איז ניט קלענער אין חשיבות ווי די „יובלות”, מיטן חילוק וואָס יעדע צוואה פון יעקב צו זיינע קינדער שטעלט פעסט די עטישע אַספּעקטן פון יידישן פאָלק, ווי אַ שטייגער: חסד, אמונה, און בטחון, בעת אין „יובלות” ווירקן מאַטעריעלע און קערפּערלעכע אַספּעקטן, ווי שבת רו, יום־טוב תענוגים און פעסטיוואַלן.

פון יעקב צוואה צו לוי ווערט קלאָר, אַז דער ספר איז געשריבן אין דער צייט פון די חשמונאים. אין אים אַ שטייגער ווערט דער שבט לוי גלאָריפיצירט אין חשיבות מער פון די אַנדערע שבטים. עס ווערט אין אים אָנגענומען, אַז משיח וועט אַרויס ניט פון שבט יהודה, נייערט פון שבט לוי, און די חשמונאים קעניגן האָבן געשטאַמט פון שבט לוי. דאָרט ווערט אויך, אחוץ פילע עצות טובות און קלוגע חכמות אויסגעדריקט די האָפנונג, אַז דער לשון עברי וועט ווידער צוריק ווערן אַ לעבעדיקע שפּראַך.

דער עלטסטער בוך פון די אַפּאָקריפן איז דער ספר „בין־סירא”, דער איינציקער מיט אַן אידענטיפיקאַציע, פון דעם נאָמען פון מחבר ישוע בן־שמעון, בן־אליעזר, בן־סירא, וואָס האָט געלעבט אַרום צוויי הונדערט יאָר פאַרן חורבן בית שני. ער ווידמעט אַ גאַנצן קאַפּיטל מיט לויב צום כהן גדול שמעון בן חוניו־שמעון הצדיק. פונקט ווי דער ספר משלי, אַזוי איז אויך דער „בן־סירא” רייך אין מוסר פון גוטע מידות און עצות טובות פאַר דער גאַנצער פאַמיליע, אחריותן און התחייבותן צו גוטע השגות און מידות טובות. אויך זיינען אַלע פאָעמען פול מיט סימפּאַטיע צו די אָרימע און אונטערדריקטע. ער איז אַ קעמפער פאַר בילדונג, און אַ שונא פונ'ם 'עם־הארץ'; ער לויבט חכמים צוגלייך מיט נביאים און סופרים. ער ווייזט אויך אַרויס גרויס התפעלות פאַר דער נאַטור, וואָס ער רופט גאָטס מייסטערווערק. בכלל האַלט ער, אַז עס איז גאָר נישטאָ קיין שלעכטס

אויף דער וועלט, ווייל אַלץ וואָס גאָט שאַפט איז צום גוטן, און פאַר אַ גוטן צוועק, נאָר מיר זעען עס ניט גלייך ,און ווי אַ גוטער פּראַגמאַטיקער הייסט ער געניסן פון לעבן. דערפאַר האַלט ער ווייניק פון מעטאַפיזיק. ער זאָגט: „זוך נישט אין די הויכע הימלען און גריבל זיך נישט אין סודות. ער דערמאָנט נישט „עולם הבא", ווייל אין זיין צייט איז אָט דער געדאַנק נאָך נישט געווען פּאָפּולער, און דאָס קען זיין איז די סיבה וואָס דער „בן־סירא" איז געבליבן אין דרויסן און איז נישט אַריין אין תנך . . .

דער ספר „חכמת שלמה" פאַרנעמט זיך מיט יידישער חכמה פון געלייטערטן יידנטום אין די אַספּעקטן פון וועלטלעכער פילאָזאָפיע. ער איז געשריבן אין לאַקאָנישע פּערזן. ווער דער מחבר איז געווען איז ניט קלאָר. טייל פאָרשער, ווי מנחם שטיין אין זיין מבוא צום תרגום חכמת שלמה, דענקט, אַז דער מחבר איז געווען פילאָן פון אַלעקסאַנדריע. אָבער ד"ר יוסף קלויזנער אין זיין בוך: „פון ישוע ביז פאָול", ווייזט אָן, אַז עס איז געווען אין מלך ינאי'ס צייט ווען דער מחבר צוזאַמען מיט די פּרושים זיינען אַנטלאָפן קיין מצרים, און דער מחבר, אַן ארץ ישראל ייד, האָט אַחוץ טיפן יידישן וויסן אויך זיך אָנגעזאַפּט מיט גריכישער פילאָזאָפיע.

אין דער פּאָלעמיק וואָס „חכמת שלמה" פירט אָן צווישן יידישן גאָט מיט די אַנדערע געטער פון די אומות, נעמט ער אויך אַריין אַ וויכוח מיט די משכילים אפיקורסים פון זיין צייט, וואָס בויגן אָפּ פון יידישן גייסט פון דער תורה, און ווערן באַגייסטערט פון פּלאַטאָנישע און סטאָאישע לערעס. ער ווייזט אָן: אַז חכמה רוט נישט אין שלעכטע מענטשן, אַז חכמה איז דער גייסט פון מענטשן־ליבע. ער פירט אויך אָן אַן אַגיטאַציע קעגן די רשעים אָנהענגער און נאָכ־פאָלגער פון די ציניקער וואָס זאָגן: „לאָמיר טרינקען און עסן ווייל מאָרגן שטאַרבט מען. דער לעבן איז קורץ, און פון טויט איז נישטאָ קיין רעטונג — לכן לאָמיר נעמען פון לעבן כל זמן מען איז יונג, און אַלטע און שוואַכע זיינען פאַר קיין נוצן". „דער שטאַרקער באַהערשט די וועלט, און די פרומע, די צדיקים, לאָמיר פון זיי פּטור ווערן".

דער מחבר פון „חכמת שלמה" מיט זיין קרעפטיקער פען און זיין פּאָעטי־שער מאַכט מאָלט די קומענדיקע ליידן פון רשע, זייער חרטה, וואָס פון אַלע זייערע הנאות און תענוגים וועט קיין זכר ניט בלייבן. די צרות און ליידן פון צדיק ביים לעבן, זיינען נאָר נסיונות פונקט ווי גאָלד וואָס ווערט געלייטערט אין פייער. — גאָט באַשאַפט דעם מענטשן צו דער אייביקייט; דאָס וואָס דער צדיק שטאַרבט צוגלייך מיט דעם רשע איז — ווייל דורכן שטן איז דער טויט געקומען אויף דער וועלט, אָבער די נשמה פון צדיק איז אין גאָט'ס האַנט און עס וועט אים קיין אומרעכט נישט זיין". דער שלוס פון די דעדוקטיווע אויספירן פון די אַרגומענטן זיינען: „די יידן שטייען העכער פון די אומות העולם, און דער יידישער גאָט — שטייט העכער פון אַלע געטער; די רשעים וועלן קריגן זייער שטראָף אין דער קומענדיקער וועלט, און די צדיקים וועלן ווערן קאָמ־פּענסירט פאַר אַלע זייערע צרות אויף דער וועלט".

---

ווערט אַ בויער און אַן אַבאָנענט פאַר דעם „חשבון"

**א. באַביטש**

# יעקב גלאַטשטיינס יובל-אָוונטן אין לאָס אַנגעלעס

די וואָס האָבן זיך בערך מיט אַ צען יאָר צוריק מתעסק געווען מיטן פייערן יעקב גלאַטשטיינס פופציק-יעריקן יובל, און אין וועמענס זכרון עס זיינען נאָך ניט אויסגעמעקט געוואָרן יענע טעג און נעכט, וואָס מע האָט פאַרבראַכט מיט אים, ווען ער איז דאָ געווען אונדזער גאַסט, געדענקען זיכער וואָס פאַראַ גייסט-רייכע קולטור אַטמאָספערע ער האָט געבראַכט מיט זיך — די האָבן זיך ניט געקענט פאָרשטעלן, אַז די גרויסע יידישע לאָס אַנגעלעס זאָל איצט, צו זיין זעכציק-יעריקן יובל, אַרויסגעלאָזט ווערן פון די פייערונגען.

מיר זיינען איבערצייגט, אַז זיינע לייענער פון „טאָג-מאָרגן-זשורנאַל" און „אידישער קעמפער" אַליין, וואָלטן געקענט אָנפילן אַ גרויסן זאַל אין שטאָט.

יעקב גלאַטשטיין האָט דאָ אַ גרויסע צאָל חסידים און פערזענלעכע פריינט, און ס'וואָלט געווען אַ גרויס פאַרזען ווען די גרויסע יידישע ל. א. וואָלט אַזאַ גרויסן יום-טוב און פייערונג פון דעם זעכציק-יעריקן געבוירנטאָג פון דעם באַרימטן דיכטער ניט געפּראַוועט.

אוודאי וואָלט גלאַטשטיין געהאַט די צייט צו זיין דאָ, ביי אונדז, לכל-הפחות מיט אַ קורצן באַזוך, וואָלטן די פייערונגען, וואָס זיינען דאָ דורכגעפירט געוואָרן, געווען אַ סך אימפּאָזאַנטער און מיט אַ גרעסערן פאַרנעם.

מיר געדענקען נאָך מיט וואָס פאַראַ פייערלעכקייט די היגע יידישע לאָס אַנגעלעס האָט אים צו זיין פופציקסטן יובל צוגעטראָגן אַ מתנה אַ יובל-ביכל מיט האַנט-געשריבענע באַגריסונגען און ברכות טובות, וואָס האָט דאַן געמאַכט אַ רושם.

אונדזער גרויסער דיכטער ה. רויזענבלאַט, ע"ה, האָט זיך דאַמאָלס שטאַרק מתעסק געווען מיט גלאַטשטיינס באַזוך; און ווען רויזענבלאַט וואָלט נאָך גע-לעבט, וואָלט ער זיך זיכער ניט וויניקער באַטייליקט אין דעם גלאַטשטיין יובל, און וואָלט, ווי כסדר, באַשיינט די שמחה מיט זיין חשובער פערזענלעכקייט.

איבעריק צו זאָגן: מיר האָבן ניט קיין סך גלאַטשטיינס. ער פאַרנעמט איצט דעם אויבן-אָן פון די לעבעדיקע יידישע שרייבער. די פרוכט פון זיין שאַפן וועט בלייבן ווי אַ קוואַל פאַר די קומענדיקע דורות.

ווען ס'איז פאַר אונדז קלאָר געוואָרן, אַז יעקב גלאַטשטיין וועט קיין ל. א. ניט קענען קומען צו זיין יובל, האָבן די היגע קולטור אָרגאַניזאַציעס גענומען איינאָרדענען יובל אָוונטן; יעדע אָרגאַניזאַציע באַזונדער אויף איר אייגענעם שטייגער.

## ל. א. יידישער קולטור קלוב

האָט שבת, דעם 19טן יאַנואַר, געפייערט דעם זעכציק-יעריקן יובל פון יעקב גלאַטשטיין. דער פאָרזיצער פון דער פייערונג י. פרידלאַנד האָט באַקאַנט געמאַכט דעם גרויסן פאַרזאַמלטן עולם מיט דער ביאָ-ביבליאָגראַפיע פון גלאַט-שטיינען און זיינע ווערק. ער האָט בעיקר געצויגן דעם אויפמערק צו זיין ניי-דערשינענעם באַנד געזאַמלטע לידער „פון מיין גאַנצער מי", וואָס גיט דאָס גאַנצע פּאָעטישע געשטאַלט פון גלאַטשטיינען, זינט 1919 ביז 1956. דער באַ-וואוסטער וואָרט קינסטלער אברהם זיגלבוים האָט פרעכטיק פאָרגעטראָגן אַ

קונסט פראָגראַם פון גלאַטשטיינס לידער און פּאָעמעס. אויך זיינען ביכער, ביים אָוונט, פאַרשפּרייט געוואָרן.

## שרייבער קרייז „בוך און לעבן"

צו פאַרדאַנקען דעם פאַקט, וואָס מיר האָבן דאָ אין שטאָט איצט אַן אָרגאַניזירטע גרופּע שרייבער, האָט דער שרייבער קרייז „בוך און לעבן" דורכגעפירט אַ יעקב גלאַטשטיין אַקאַדעמיע, צו וועלכער עס איז געקומען אַ פיין געקליבענער עולם.

דער פאָרזיצער פון אָוונט איז געווען דער סעקרעטאַר פון שרייבער קרייז, יעקב זינגער. ער האָט געהאַלטן אַ קורצע אָבער איינדרוקספולע רעדע, ווי אַן אַריינפיר צום אָוונט, און ס'איז אים תיכף געלונגען צו שאַפן אַ פיינע געהויבענע שטימונג. ער האָט נאָכדעם פאָרגעשטעלט די וויטער באַטייליקטע שריפטשטעלער: נח גאָלדבערג האָט פאָרגעליינט אַן עסיי „גלאַטשטיין און זיין יאוש" (זע די עסיי אין דעם נומער. רעד.). נאָך אים האָט גערעדט און געלייענט וו. נאָטאַנסאָן וועגן גלאַטשטיינס פּאָעמע „דאָסטאָיעווסקי". ער האָט אים באמת פּרעכטיק און טיף אַנאַליזירט.

מלכה טוזמאַן האָט געלייענט אַן עסיי וועגן גלאַטשטיין און אויך געלייענט אירע אַ ליד, געווידמעט י. ג. (זע ליד אין דעם נומער.—רעד.). אַ וואַרעמע רעדע האָט אויך געהאַלטן דער דיכטער מאַטעס דייטש. די באַטייליקטע אין דער פּראָגראַם פון אָוונט, זיינען פון דעם עולם אויפגענומען געוואָרן מיט גרויס באַגייסטערונג.

## פאַרבאַנד האָט דערקלערט אַ גלאַטשטיין יובל־יאָר

צוליב דעם וואָס דער פאַרבאַנד האָט דאָ אין שטאָט צוגעקראָגן אַלס עקזעקוטיוו דירעקטאָר דעם באַקאַנטן קולטור עסקן און געוועזענעם דירעקטאָר פון דעם „ייווא", שלמה האָכבערג, וועלכער איז באַקאַנט צו אונדזער עולם ווי אַ פיינער לעקטאָר און ידען אין דער יידישער ליטעראַטור, האָט ער אין די מערסטע צווייגן פון פאַרבאַנד דעם ווינטער געהאַלטן רעפעראַטן צו די גלאַטשטיין אָוונטן. האָכבערג האָט גערעדט וועגן גלאַטשטיינס אַלע פאַזן פון זיין שאַפן, אַזוי אַז די פאַרבאַנד מיטגלידער האָבן זיך אַלזייטיק באַקאַנט מיט גלאַטשטיינען דעם דיכטער, דעם דערציילער און ליטעראַטור קריטיקער.

מיר ווינטשן אים נאָך אַ סך, אַ סך שעפערישע יאָרן.

---

## לאָס אַנגעלעסער יידישער קולטור קלוב

יעדן שבת־צונאַכט — יידיש ליטעראַרישע אָוונטן, מוזיקאַלישע קאָנצערטן, געדענק־אָוונטן פון יידישע שרייבער און קינסטלער, און יום־טובים פייערונגען.

יעדן מאָנטיק אָוונט — איינלייטונגען איבער יידיש קולטורעלע און געזעלשאַפטלעכע פראַגן און פּראָבלעמען.

אַ צירקולירנדיקע ביבליאָטעק מיט די נייסטע ביכער, זשורנאַלן און צייטונגען.

מ. ל. קאַפּעלאָוו, סעקרעטאַר
4213 MONROE ST., LOS ANGELES, CALIF.

# אַן אָפֿענער בריוו צו דעם יידיש-יידישן סעקטאָר
# אין לאָס אַנגעלעס

מיט דעם בריוו ווענדן מיר זיך צו די פריינט פֿון יידישן וואָרט, און צו די ערנסטע קולטור עסקנים, מיט אחריות פֿאַר אונדזער יידיש געזעלשאַפטלעך קולטור לעבן דאָ אין שטאָט.

שוין היפשע עטלעכע יאָר, אַז אונדזער גרויסער יידישער ישוב איז לגמרי געבליבן אָן אַ יידישער צייט-שריפט. הגם אַלע גיבן צו, אַז ס׳איז אַ בזיון און אַ חרפּה פֿאַר דעם יידיש-יידישן סעקטאָר, דאָ אין שטאָט, ניט צו האָבן כאָטש איין באַשטענדיקע אויסגאַבע, וועלכע זאָל אויף אַן ערלעכן אופן געבן אויסדרוק צו אונדזערע קולטור טואונגען און ליטעראַרישע אַספּיראַציעס.

מיט אייער גלייכגילטיקע באַציאונג צו דעם ענין, שטאַרקט איר, בידים, די אַזוי אויך שוין שטאַרק פֿאַרשפּרייטע אַסימילאַציע.

דער שרייבער קרייז „בוך און לעבן" מיט דער קאָאָפּעראַציע פֿון דעם ל. א. יידישער קולטור קלוב, גיבן אַרויס דעם זשורנאַל „חשבון". די באַטייליקטע שרייבער אין דעם זשורנאַל מאַכן אַלע אָנשטריינגונגען, אַז דער זשורנאַל זאָל באַפֿעסטיקט ווערן, ווי אַ פֿערטל-יאָר אויסגאַבע און אפשר, מיט דער צייט, קאָנען ווערן אַ חודשלעכע.

איר טאָרט אָבער ניט אָפּקומען נאָר מיט ברכות טובות און פֿרומע הסכמות, אַז „מיר טוען אַ גוטע אַרבעט, וואָס מיר גיבן אונדזער יידישער ל. א. אַ ליטע־ראַרישע קולטורעלן זשורנאַל". ס׳איז דער חוב, פֿון דעם יידיש-יידישן סעקטאָר דאָ אין שטאָט, אַנטקעגן קומען די אַרויסגעבער, מיט מאָראַלישע און מאַטעריעלע הילף, כדי דער זשורנאַל זאָל האָבן אַ דויערנדיקן קיום.

ווייסט איר, ליבע פֿריינט, אַז פֿון אונדזער יידישער ל. א. ווערט יערלעך אַרויסגענומען, פֿאַר כלערליי צייטשריפֿטן, ביכער און אַנדערע אויסגאַבן, וואָס דערשיינען אין ניו יאָרק און אַנדערשוואו, צענדליקער הונדערטער דאָלאַרן? האַלטן מיר עס, חלילה, נישט פֿאַר קיין עוולה! אָבער... ווארום אַזאַ גלייכ־גילט, ווען עס קומט צו אַן אייגענער שריפט, וואָס דינט אונדזער אייגענע לאָקאַלע אינטערעסן?

„חשבון" — ווי איר ווייסט — איז נישט קיין פּריוואַטע אונטערנעמונג. אַלץ אַרום דעם זשורנאַל ווערט געטאָן מיט ליבע און איבערגעבנקייט, אָן באַצאָלט. (חוץ פֿאַרשטייט זיך — פּאַפּיר, דרוק און פּאָסט). איר קענט פֿונדאַמענטאַל זיכערן דעם קיום פֿון דעם זשורנאַל „חשבון", ווען איר וועט ווערן אַן אַבאָנענט און אַ מיט-בויער פֿון דעם איינציק יידיש ליטעראַריש און קולטור געזעלשאַפטלעכן זשורנאַל אין קאַליפֿאָרניע.

מיט דרך־ארץ און האָפֿנונג, פֿאַר אייער וואַרעמען און אויפֿריכטיקן אָפּרוף,
**פֿאַרוואַלטונג פֿון זשורנאַל „חשבון".**

---

## ליטעראַריש קינסטלערישער אָוונט

**לכבוד דער דערשיינונג פֿון דעם 10טן נומער „חשבון" און זיין פֿאַרדינסטפֿולן רעדאַקטאָר, וועט דורכגעפֿירט ווערן שבת, דעם 25טן מאַי, אַ ליטעראַטור אָוונט, איינגעאָרדנט פֿון די אַרויסגעבער פֿון זשור־נאַל: ל. א. יידישער קולטור קלוב און שרייבער קרייז „בוך און לעבן".**

# ליטעראַטור און קולטור כראָניק

ש. ראזשאנסקי, באַקאַנטער יידישער שריפטשטעלער פון אַרגענטינע, איז געווען דער גאַסט פון דעם „ייווא״ קאָמיטעט אין לאָס אַנגעלעס און איז אויפגעטראָטן אין יידישן קולטור קלוב, דינסטיק דעם 19טן פעברואַר, מיט אַ רעפעראַט : „אַ רייזע איבער דער וועלט אין 80 טעג.

ש. ראזשאנסקי איז אַ לאַנג־יאָריקער תושב אין אַרגענטינע, און האָט לעצטנס געמאַכט אַ רייזע איבער דרום אַפריקע און מדינת ישראל. וואָס שייך מדינת ישראל, האָט דער חשובער גאַסט דערקלערט, אַז „ישראל איז איצט דער קעמפערישער יידישער צענטער, וואָס געדענקט דעם יידישן בעכטן, און איז גרייט מיטן אייגענעם לעבן אויסצוקעמפן דאָס רעכט פון יידן אויף זעלבסט־באַשטימונג. „אין קיין לאַנד אויף דער וועלט — האָט ער אונטערשטראָכן — רעדט מען ניט אַזויפיל יידיש ווי אין מדינת ישראל״.

ש. ראזשאנסקי איז דער מחבר פון אַ צאָל ביכער און איז דער טעאַטער־ און ליטעראַטור־קריטיקער אין דער בוענאָס־איירעסער „יידישע צייטונג״.

---

## „פרייער בולעטין״

דער „פרייער יידישער קלוב בולעטין״, וואָס דערשיינט אין ניו־יאָרק, האַלט אַ קריטיש וואַכזאַם אויג אויף ס׳רוב דערשיינונגען אין יידישן קולטור־לעבן. נישט תמיד קען מען מסכים זיין מיט זיינע אויספירן. דעם מאָל, אין נומ. 26, ברענגט ער אַן אַרטיקל א״ט „אַלט און יונג, שרייבער און לייענער״, אין וועלכן ס׳ווערט קריטיש גערעדט מכוח די יידישע זשורנאַלן און צייט־שריפטן וואָס דערשיינען ביי אונדז, און די גלייכגילטיקע באַציאונג צו זיי פון דער יידישער פּרעסע.

„אומזיסט ווערט דער לייענער זוכן אַזאַ קולטור ליטעראַרישע אינפאָרמאַציע אין אונדזער פּרעסע — שרייבט דער בולעטין : — ווען אַלע נאַרישקייטן אין דער וועלט דערציילט זי, יעדע פּוסטע קליינקייט צעלייגט זי אויף טעלערלעך, אָבער גיבן זיך די מי צו לייענען און אינפאָרמירן, סומירן אָביעקטיוו — וואָס די אַנדערע צייטשריפטן שרייבן אויף דעם, האָבן די פּרעסע מענטשן ניט קיין צייט, ניט קיין חשק. אפילו אַזאַ צענטראַלער זשורנאַל ווי די „צוקונפט״ האַלט ניט פאַר נויטיק צו טאָן אַזוינס״.

ס׳קומט דעם „בולעטין״ אַ יישר כוח פאַר ציען דעם אויפמערק ווענן איינעם פון די פילע פאַראַדאָקסן פון אונדזער יידישער פּרעסע.

מיר דאָ, אין דעם ווייטן מערב, לאָס אַנגעלעס, וואו מיר האָבן ליידער ניט קיין יידיש־וועכנטלעכע שריפט, דאַרפן ממש אויסבעטלען אַ „נאָטיצל״ ביי דער יידישער פּרעסע אין נ. י. ווענן אונדזערע געזעלשאַפטלעכע און קולטורעלע אַקטיוויטעטן, בעת פּיקאַנטע „סעקס״ און מאָרד סענסאַציעס, פון אונדזערע מקומות. ווערן לגמרי ניט פאַרזען . . .

---

## יידיש טעאַטער

דאָס יידיש טעאַטער האָט, פאַר די לעצטע עטלעכע יאָר, גאָרניט קיין גוטע מערכה, אפילו אין דעם גרויסן יידישן צענטער, ניו־יאָרק על־אחת־כמה־וכמה

ביי אונדז אין דער וויטער פּראָווינץ — ל. א. אין די צוואַנציקער יאָרן האָט דאָ גאַסטראָלירט פּאַר אַ לענגערער צייט די „ווילנער". פון צייט צו צייט פלעגט מאָריס שוואַרץ, מיט זיין קונסט טעאַטער, אַרונטערכאַפּן זיך אַהערצו אויף אַ פּאָר וואָכן. מיט אַ פּאָר יאָר צוריק האָט מ. שוואַרץ געמאַכט דאָ אַ פּאַרזוך אויפצופירן יידישע פּיעסן אויף ענגליש. דער באַזוך האָט זיך אָנהייב באַוויזן ניט איבעריק שלעכט, אָבער ניט גרויס געגוג אָנצוהאַלטן אַ לענגערע צייט.

די שולד פון דעם קלעגלעכן מצב פון יידישן טעאַטער, דאַרף מען אפשר צושרייבן ניט אַזוי צום יידישן עולם, ווי בעיקר צו די שוישפּילער גופא. מע קען נישט האָבן קיין טענות צום עולם, ווען מע טראַגט אים אונטער פּיעסן, וואָס ער האָט שוין געזען, מער ווי אַ האַלב־טוצן מאָל! . . .

דערפאַר איז עס באמת געווען אַ גרויסע אָפּרישונג, פון די צוויי גאַסטראָלירנדיקע קינסטלער גרופּן, וואָס האָבן אונדז באַזוכט לעצטנס. סוף יאַנואַר איז דאָ אויפגעטראָטן די גרויסע קינסטלער גרופּע, געשיקט פונם אַרבעטער רינג, באַשטייענדיק פון וויקטאָר פּעקער, ראובין ווענדראָף, לאה נעמי, סאָניא זאַמינא און דוד עלען. אויפגעפירט האָבן זיי „חלומות און מעשים", באַזירט אויף די איציקע „מנחם־מענדלס" אין ישראל, גוט געשפּילט, הגם אַ ביסעלע צופיל סאַרזשירט.

די צווייטע גרופּע קינסטלער, פּרעזענטירט פון ייד. נאַצ. אַרב. פּאַרבאַנד, באַשטייענדיק פון: בען באָנוס, ליאָן ליבגאָלד, ש. פּערשקאָ, ליליאַן ליליאַנא, מינע בערן און אונדזער אַלט־באַקאַנטער טעאַטראַל, אל העריס; זיינען דאָ אויפגעטראָטן זונטיק דעם 24 פעב. מיט אַן אייגנאַרטיקער קליין קונסט פּראָגראַם, וואָס האָט גאָר באַזונדערס שטאַרק אויסגענומען ביים עולם: פּרעכטיק שיין געזאַנג, ריינער הומאָר און פיינער שוישפּיל. —

וואָס אָפּטער אַזעלכע קונסט אָוונטן, און אונדזער יידישער עולם וועט עס געהעריק אָפּשאַצן און וועט אָנהייבן באַזוכן יידיש טעאַטער . . .

---

## אסתר שומיאַטשער־הירשביין אָוונט

לכבוד דער דערשיינונג פון דעם נייעם בוך „לידער" פון אסתר שומיאַטשער־הירשביין, האָט דער בוך קאָמיטעט פון דער חשובער דיכטערין דורכגעפירט אַ ליטעראַטור יום־טוב, זונטיק דעם 7טן אַפּריל, אין זאַל פון יידישן קולטור קלוב, אונטערן פּאָרזיץ פון דעם באַוואוסטן בינע און פילם קינסטלער אליהו טענענהאָלץ. עמוס הירשביין האָט פּערגאָטראָגן פּיאַנא סאָלאָס; פייגעלע פּאַניץ, די פיינע באַלאַדיסטין, האָט געזונגען אַ צאָל לידער; חיים שאַפּירא, באַקאַנטער קולטור עסקן, האָט באַגריסט דער דיכטערין, און וויליאַם נאַטאַנסאָן האָט באַגריסט אין נאָמען פון דעם שרייבער קרייז און זשורנאַל „חשבון". די שוישפּילער א. טענענהאָלץ און אניטע פריינדליך האָבן אויפגעפירט דאָס ליד „מיין שאָטן און איך" פון אסתר שומיאַטשער־הירשביין, און משה ליבמאַן האָט געגעבן אַן אָפּשאַצונג פון דער דיכטערינס נייעם בוך לידער.

צום שלוס האָט די דיכטערין באַדאַנקט איר בוך קאָמיטעט פאַר דער איבער־געבנקייט און געטריישאַפט צו דער אויסגאַבע פון בוך און פאָרגעלייענט אירע נייע לידער.

## ה. ראָזענבלאַט הזכרה אָוונט

וועט אָפּגעהאַלטן ווערן מיטוואָך, דעם 29טן מאַי, אין זאַל פון ל. א. יידישן קולטור קלוב. די הזכרה נאָך דעם פאַרשטאָרבענעם באַרימטן דיכטער ה. רויזענבלאַט, ע״ה, ווערט איינגעאָרדנט פון דעם רויזענבלאַט בוך קאָמיטעט, וואָס גיט איצט אַרויס זיין לעצטן, עלפטן באַנד לידער, וואָס וועט דערשיינען צו זיין ערשטן יאָרצייט.

ביי דעם הזכרה אָוונט וועט אויפטרעטן דער חשובער יידיש-געלערנטער ד״ר חיים ראָטבלאַט מיט אן אָפּשאַצונג איבער רויזענבלאַטס דיכטונג, און עמוס הירשביין מיט פּאַסיקע פּיאַנאָ קאָמפּאָזיציעס. פּייגעלע פּאַניטץ, געזאַנג, מיט א ציקל פון רויזענבלאַט׳ס לידער. יעקב ניומאַן, אַ פאַרלייענונג פון רויזענבלאַט׳ס נייעם בוך.

י. פרידלאנד וועט פירן דעם פאָרזיץ.

---

**אבא גאָרדין**, באַוואוסטער יידיש-געלערנטער און שריפטשטעלער, האָט געוויילט דאָ במשך די חדשים פעברואַר, מערץ און אפּריל. ער איז דאָ אויפגעטראָטן מיט רעפעראַטן ביי אַ צאָל אָרגאַניזאַציעס, צווישן זיי ביים ל. א. יידישן קולטור קלוב.

---

## אונדזער מאָדערנע יידישע ליטעראַטור

ס׳איז שוין דער 22טער זמן ווי ס׳ווערט געלערנט די מאָדערנע יידישע ליטעראַטור אין דער „ניו סקול פאַר סאָשעל ריסוירטש״ אין ניו-יאָרק. די קלאַסן ווערן געפירט אין ענגליש. דעם היינטיקן זמן וועט מען בעיקר לערנען די מאָדערנע יידישע ליטעראַטור פון 20סטן יאָרהונדערט. דער קורס באַשטייט פאַר גראַדואיר סטודענטן און פרייע צוהערער. דער פּראָפעסאָר פון דעם קורס איז דער באַוואוסטער פּאָעט און קריטיקער נ. ב. מינקאָוו.

---

## פאַראיין פון יידישע שרייבער אין מעקסיקע

אונדזער נאָענסטער לעבעדיקער יידישער ישוב, מעקסיקע, האָט איצט ניט נאָר אַ גאַנץ באַדייטנדיקע צאָל שרייבער, נייערט האָט אויך אַ גאַנץ פיינע יידישע פּרעסע. (הלוואי אויף אונדז דאָ געזאָגט געוואָרן!) איז גאַנץ נאַטירלעך, אַז די שרייבער זאָלן זיך פאַרמירן אין אַ פאַראיין, וואו ניט נאָר קינסטלעריש אויסלעבן זיך, נייערט אויך לטובת זייער שרייבערישער פּראָפעסיע. דער פּראָווויזאָרישער קאָמיטעט באַשטייט פון די ווייטערע שריפטשטעלער: יעקב גלאַנץ, פאָרזיצער; א. ז. בערעביטשעז און משה רובינשטיין, וויצע פאָרזיצערס; חיים לאַזדייסקי, סעקרעטאר; מ. פעדערמאַן, פּראָטאָקאָל סעקר.; ד״ר י. אויסטריאַק, קאַסירער, און יוסף ווינעצקי, פינאַנץ סעקרעטאַר. די ערשטע גרעסערע מסיבה פונם פאראיין איז געווען געווידמעט צו די שלושים פון דעם פאַרשטאָרבענעם דיכטער יצחק בערלינער.

## „מעקסיקאנער לעבן"

צו די שוין עקסיסטירנדיקע, צוויי־מאָל־אַ־וואָך, יידישע צייטונגען — די „שטימע" און „דער וועג", איז איצט צוגעקומען נאָך אַ וועכנטלעכע יידישע צייטונג: „מעקסיקאנער לעבן", אונטער דער רעדאַקציע פון חיים לאזדייסקי. די נייע וואָכנשריפט מאַכט אַ ביז גאָר פיינעם איינדרוק.

— וואָס זאָגט איר ניט צו דעם יידן פון לאָס אנגעלעס?! . . . —

אַ קליינער יידישער ישוב פון קנאַפּע 20 טויזנט, מיט דריי יידישע צייטונגען!!! חוץ אַנדערע פּעריאָדישע אויסגאַבן. און . . . מיר דאָ, אין דעם גרויסן כרך לאָס אנגעלעס, מיט אַ וואקסנדיקער יידישער באַפעלקערונג, וואָס ציילט שוין איצט קרוב צו 400,000, האָט אפילו נישט קיין איין יידישע וואָכנשריפט . . .

איז עס ניט אַ בזיון? . . .

---

## נייע ביכער

**משה דלוזשנאָווסקי**: „האַרבסט אין ווייַנגאָרטן" (דערציילונגען און דראַמעס).

**ד"ר ניסן ברוסילאָוו**: „די שטילע ערד". ס'איז דער צווייטער בוך פון דעם מחבר. זיין ערשטלינג, „ביי די טייכן פון פּאַלעסיע", דערשינען אין 1953, האָט געמאַכט אַ רושם און איז פּרעמירט געוואָרן פונם לואיס לאַמעד פאָנד.

**א. לעיעלעס**: „ביים פוס פון באַרג" (לידער און פּאָעמעס).

**נ. ב. מינקאָוו**: „פּיאָנערן פון דער יידישער פּאָעזיע אין אַמעריקע" (דריי בענד). אין די דריי בענד זיינען פּאָרטראָטן 22 אַמעריקאַנער דיכטער, וואָס מינקאָוו האָט אָפּגעקליבן זייערע לידער און אויך אָנגעשריבן זייערע ביאָ־ביבליאָגראַפיעס.

**יעקב גלאַטשטיין**: „אין תוך גענומען", אַ בוך קריטיש ליטעראַרישע עסייען, און „פון מיין גאַנצער מי", אַ באַנד געזאַמלטע לידער און פּאָעמעס, פּרעכטיק קינסטלעריש שיין אַרויסגעגעבן, גרויסער פאָרמאַט, 400 ז"ז.

**חיים פּעט**: „אין לאַנד פון די אבות" (נאָוועלע).

**סאָלאָמאָן קאַהאַן**: „מוזיקאַלישע עסייען", אַרויסגעגעבן פון יידיש צענטראַל קאָמ. אין מעקסיקע, לכבוד דעם מחברס זעכציק־יאָריקן געבוירנטאָג.

**ש. טענענבוים**: „און די ערד באַשטייט אויף אייביק" (דערציילונגען).

**אבא קליגער**: „דאָס געטלעכע ליד" (בהאגאוואד גיטאָ).

**אסתר שומיאַטשער־הירשביין**: „לידער", אַרויסגעגעבן פונם אסתר שומיאַטשער בוך קאָמיטעט אין לאָס אַנגעלעס.

**ש. מיללער**: „נעכטן" (דערציילונגען), אַרויסגעגעבן פונם ש. מיללער בוך קאָמיטעט אין לאָס אַנגעלעס.

**„אָפּקלייב"**, נומ. 3, לידער אַנטאָלאָגיע, צוזאַמענגעשטעלט און אַרויסגעגעבן פון דעם באַוואוסטן דיכטער, בעריש ווײַנשטיין. (זע זיין ליד אין דעם נומער „חשבון").

---

## אין דרוק:

ה. רויזענבלאַט, ע״ה, לעצטע לידער „פאַר־נאַכט״, ארויסגעגעבן פונם ה. רויזענבלאַט בוך קאָמיטעט אין לאָס אַנגעלעס, וועט דערשיינען צום ערשטן יאָרצייט פון אונדזער חשובן און באַליבטן בן־העיר.
דער ה. רויזענבלאַט בוך קאָמיטעט גרייט צו אַן הזכרה אָוונט, אויף מיטוואָך, דעם 29טן מאַי, אין זאַל פון ל. א. יידישן קולטור קלוב.

נח גאָלדבערגס נייער בוך דערציילונגען א״ט „אויף וועגן צעוואָרפענע״ דרוקט זיך איצט אין בוענאָס איירעס. פאַרלאַג „ייד־בוך״. דאָס בוך וועט בקרוב דערשיינען. אַבאָנאַמענטן פאַרן בוך ווערן איצט גענומען: צו באַקומען ביים סעקרעטאר פון בוך קאָמיטעט, ז. בונין, 4103 האַליקנאַל דרייוו, לאָס אַנגעלעס, קאַליפ.

---

### מיטבויער פון „חשבון״

פינטשע בערמאַן
יעקב אַסטאַר
שייע בראון
ז. בונין
א. באַביטש
ח. באַרג
דזש. בעקער, סעק.
בן־גוריון צוויג
נח גאָלדבערג
מאיר און חוה דראָזד
מעקס האָלצמאַן
ב. ווינער
ה. וויינשל, מילוואָקי
וויינמאַן, בוך האַנדל, ניו יאָרק
יעקב זינגער
מ. טשערטאָק, סעק.
נ. א. פ. צווייג 208
מלכה טוזמאַן
שמעון יפה, סעק.
פועלי ציון, פעטאַלומע

י. לעסעוואדער, מיאַמי
מאיר לעדערמאַן
סימאָור, קאָנעטיקוט
ח׳ און ח״ה מעראָן
ב. מאָריסאָן, מיאַמי
וו. נאַטאַנסאָן
יצחק ניומאַן
שמואל סאַליד
ס. סיגלמאַן, מילוואָקי
י. פרידלאַנד
אהרן פישמאַן, פילאַדעלפיע
ח׳ און ח״ה נח פינקעלשטיין
סאָול פערבער
צילי און שלמה צוקערמאַן
א. קאַטץ, שיקאַגאָ
א. שעכטער, גרענד־רעפידס
שפּירא בוך האַנדלונג, באָסטאָן
ברכה קודלי
אשר קיפּניס
ווילי און ליזע שאַר

---

### שרייבער קרייז „בוך און לעבן״

דער שרייבער קרייז „בוך און לעבן״ פירט דורך אַ צאָל ליטעראַרישע סימפּאָזיומס פאַר אַ גרעסערן עולם במשך פון זמן.
מכוח ענינים פון שרייבער קרייז און אויך מכוח די באַנייאונג פון אייער אַבאָנאַמענט פאַר דעם „חשבון״, ווענדט זיך צום סעקרעטאַר:

יעקב זינגער
1142½ NO. GOWER ST., HOLLYWOOD, CALIF.